ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# נפלאות בית לוי

אידיש

**650**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# נִפְלָאוֹת בֵּית לֵוִי

מכ״ק אדומו״ר דֶעם הֵיילִיגֶען בֶּעוואוּסְטֶען צַדִיק

## ר״ר לוי יצחק פון בּרדיטשוב

דער מחבר פון ספר קדושת לוי זצלה״ה זי״ע.

אִין דִיזֶען סֵפֶר וֶוערְט בֶּעשְׁרִיבֶּען ווינְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען פוּן הֵיילִיגֶען צַדִיק רַבִּי ר׳ לוי יצחק פון ברדיט׳שוב זצ״ל, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבֶּען אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

בטח בד' ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה
תהלים לז פסוק ג

רש"י בטח בד', ואל תאמר אם לא אגזול ואגנוב או אתן לעני צדקה, במה אתפרנס: ועשה טוב, ואז תשכון ארץ לאורך ימים: ורעה אמונה, תאכל ותתפרנס משכר האמונה שהאמנת בהקב"ה לסמוך עליו ולעשות טוב.

חובת הלבבות, שער הבטחון פרק ג':

וכן כשירגיש האדם שלא יועילנו ולא יזיקנו אחד מהנבראים אלא ברשות הבורא יתברך, ישוב לבו מיראתם ותקותם ויבטח על הבורא לבדו, כמו שכתוב (תהלים קמ"ו) אל תבטחו בנדיבים בבן אדם שאין לו תשועה.

„ארבעה כללים"

א'. כלל זה יהיה בידיך, אם תרצה לגנות שום אדם, תגנה את עצמך במדותיך הרעות.

ב'. ואם תרצה לעשות מחלוקת עם שום אדם תעשה מחלוקת עם יצר הרע שלך המתגבר עליך בכל יום בפתויו הרעים.

ג'. ואם תרצה לכעוס על שום אדם, תתיישב לכעוס על נפש הבהמיות שלך שנאמר עליה וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום.

ד'. ואם תרצה לשבח שום אדם, תשבח את הבורא ברוך הוא, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אשר מחיה אותך, ומטיב עמך בכל עת ורגע, ואם תזכור לקיים ד' דברים אלו, תהיה נשמר משום חטא ועון.

(סידור ישועות ישראל דף ק"א עמוד ב)

# ספר
# נפלאות הרבי מבערדיטשוב זצ"ל

דער הייליגער גאון און צדיק יסוד עולם רבי לוי יצחק זכותו יגן עלינו איז געבוירען געווארען אין די שטאדט הוסקאוו, אין דעם יאהר פונפטויזענד פונפהונדערט לבריאת עולם. אין דעם טאג וואס ער איז געבוירען געווארען איז דער הייליגער בעל שם טוב געווען אין מעזבוז און האט זיינע תלמידים געטיילט צוויי מאל לעקעך מיט וויין זאגענדיג מיט גרויס שמחה אז איצט איז אראבגעקומען אויף די וועלט זעהר א הייליגע נשמה וואס זי וועט זיין א מליץ יושר פאר דעם גאנצען כלל ישראל.

זיין פאטער איז געוועזען דער וועלטבערוהמטער גאון רבי מאיר זכותו יגן עלינו, וואס איז געוועזען רב אין הוסקאוו אין גאליציען. וואס זיין הייליגער זוהן רבי לוי יצחק ברענגט פון איהם חדושי תורה אין ספר קדושת לוי (פ' נח, וישלח, בהעלותך, תנינא על מגלה דף י"ב ע"א). אויך זיין אייניקעל דער הייליגער גאון רבי מאיר ברענגט פון איהם א פלפול אין אנהייב פון זיין ספר כתר תורה, וואס דאס צייגט אז ער איז געוועזען איינער פון די גרויסע גאונים. אויך זיין פאטער רבי משה פון זאמושטש איז אויך בעקאנט פאר א גרויסען גאון, און איז געוועזען רב אין לעמבערג (אנשי שם סי' ת"א).

דעם ר' מאיר'ס ווייב, דאס דעם רבי לוי יצחק'ס מוטער, איז געוועזען די רבנית מרת שרה סאשא וואס א האלבע וועלט האט גע־קלינגען מיט איהר חכמה און מיט איהר צדקות, זי איז געוועזען פון מהרש"א'ס פאמיליע, און א אייניקעל פון דעם גרויסען גאון ר' משה מרגליות דער רב אין טארנאגראד. דער ר' משה איז געוועזען דער פאטער פון דעם גאון ר' יוסף דער רב אין יאזלאוויץ, דער פאטער פון דעם גאון ר' הירש דער רב אין יאזלאוויץ, דער פאטער פון דעם הייליגען גאון דער מחבר פון ספר מאיר נתיבים זכותם יגן עלינו.

אויך איז ער געוועזען א אייניקעל פון דעם יודישען שר ר' יצחק פון זאלקיווא, דער זוהן פון דעם גאון רבי יעקב רב אין ווין, א איי־ניקעל פון מהר"ם מרוטענבורג.

אזוי ווי זיין פאטער דער גאון האט געזעהן אז דאס קינד בע־זיצט זעהר א שארפען מוח, האט ער מיט איהם אנגעהויבען לערנען אויסער דעם מלמד וואס ער האט פאר איהם אליין געהאלטען. און די שווערסטע למודים האט ער מיט איינמאל איבערגענומען. אויך איז געוועזען צו בעוואונדערן זיין זכרון. ער פלעגט ערצעהלען זאכען וואס

ער האט געזעהן זוהן ער האט נאך געזינגען. נאר ווי זיין פאטער איז לא עלינו קראנק געווארען און איז געפאהרען נאך יערוסלאוו צו א דאקטאר, האט ער דאס קינד מיט גענומען, און ווי ער איז דארט נסתלק געווארען, איז דאס קינד דארט איבערגעבליבען, און האט דארט געקריגען אזוי א פעולה זיין לערנען אז ער איז געווארען ווי וויט בעקאנט מיט'ן נאמען „דער יערוסלאווער עילוי". און ווען ער איז נאך געוועזען א יונג קינד האט ער שוין מחדש געוועזען חדושים אין לערנען, אזוי ווי ער ברענגט אין זיין סוף ספר קדושת לוי תנינא זיין פירוש אויף די גמרא בכורות דף ט'

די גרעסטע לומדים הערענדיג דעם נאמען פון דעם יערוסלאווער עילוי, האבען געזוכט געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט איהם און שמועסען מיט איהם אין לערנען, און ווי ערשטוינט זענען זיי געווארען הערענדיג ווי ער צולייגט די פלפולים וואס זיי האבען מיט געברענגט מיט זיין אומגעהויער חריפות און בקיאות. אויך זענען זיי בעוואונדערט געווארען זעהענדיג שוין דאמאלס זיין התלהבות ביי זיין דאווענען, און זיין פערוויסטערן זיך פון אלע קערפערליכע תענוגים, און האבען אויף איהם מיט'ן פולען מויל געזאגט אז ער וואקסט אויף א צדיק יסוד עולם און א גרויסער גאון, וואס וועט די וועלט בעשיינען מיט זיין תורה און צדקות.

ווי דער גרויסער גביר זוהן גרויסער צדיק ר' ישראל פרץ פון לעווארטאוו האט געהערט די תהלוכות פון דעם יונגען עילוי, איז ער צו איהם אראבגעפאהרען נאך יערוסלאוו, און איז אויך ערשטוינט געווארען זעהענדיג וואס פאר א הייליגע ליכטיגע נשמה עס שיינט אין דעם יונגען קערפער. און האט איהם געגעבען זיינע בערוהמטע טאכטער פערל פאר א ווייב, און עסענדיג קעסט ביי זיין רייכען שווער אין הויז, האט ער געלערנט צוזאמען מיט דעם הייליגען גאון ר' ישכר בער וואס איז געוועזען רב אין זלאטשוב און האט מחבר געוועזען דעם ספר שאלות ותשובות בת עיני, וואס איז געוועזען א איידעם פון זיין פעטער, זיין שווערס ברודער, הגאון ר' צבי הירש פרץ זכרונו לברכה, וואס אין די הקדמה פון פרי מגדים צום ספר רב פנינים פון זיין פאטער הגאון ר' מאיר וואס איז געוועזען מגיד אין לעווארטאוו, רוהמט ער זעהר די צוויי ברודער און בעעהרט זיי מיט די גרעסטע שבחים.

דארט האט ער געלערנט מיט נאך חברים גרויסע בני תורה, און האט געשטועסט אין לערנען מיט'ן פרי מגדים, מיט'ן גאון ר' ישראל דער רוצוועלער רב וואס איז געוועזען זיין פעטער ר' משה'ס איידים, אויך האט ער זיך מפלפל געוועזען מיט דעם גאון ר' יואל וואס ווערט געברענגט אין ספר תשואת חן, און מיט דעם הייליגען גאון ר' ארי' ליבוש פרץ דער זוהן פון דעם יודישען שר ר' משה.

און ווײַל אין דעם שטעדטעל האָבען זיך דאַמאָלס געפֿונען די שענסטע גאונים און לומדים, האָט מען עס גערופֿען מיט'ן נאָמען „ירושלים הקטנה".

און דער יונגער צדיק רבי לוי יצחק, האָטשע ער איז געזעצען אין אַ אָרט פֿול מיט לומדים און גאונים, און איז וואָס אַמאָל געקומען העכער אין לערנען, פֿונדעסטוועגען האָט ער זיך מיט דעם נישט גע־לאָזט בענוגען, און ווי ער האָט געהערט אַז אין רוצוועל געפֿונט זיך אַ רב ר' שמעלקא ניקלשפורגער וואָס די גאַנצע וועלט קלינגט מיט זײַן גאונישקייט און צדקות האָט ער געקריגען זעהר אַ אומגעהויערן חשק איהם צו זעהען, און שמועסען מיט איהם. אין לערנען, גאָר אַזוי ווי ער האָט געוויסט אַז זײַן שווער וועט איהם נישט ערלויבען אַוועק צו פֿאָהרען, ווײַל ער מיט זײַן גאַנצען בני בית זענען אין איהם געווען צו געבונדען בלב ונפש. האָט ער זײַן חשק נישט אַרויסגעגעבען, נאָר ער האָט פֿון דעם געהאַט אַזוי פֿיעל יסורים און עגמת נפש אַז ער האָט זעהר שלעכט אויסגעזעהן, און איז אַרומגעגאַנגען זעהר בעטריבט. זײַן שווער האָט איהם געפֿרעגט וואָס עס פֿעהלט איהם אין „זײַן נבירישע הויז, אויב עס האָט איהם נישט עפּעס אַ שלעכטע חלום געחלומ'ט, האָט ער איהם אויף דעם געענטפֿערט: „איך האָב געמיינט אַז איך בין שוין אַ צדיק, צום סוף חלמ'ט מיך יעדע נאַכט אַז איך ברויך צו פֿאָהרען צום הייליגען צדיק וואָס זיצט אין רוצוועל". און האָטשע דאָס האָט זײַן שווער נישט געשמעקט אַרויס צו לאָזען אַזוי אַ טײַערן תכשיט פֿון זײַן הויז, נאָר זעהענדיג אַז דאָס קאָסט איהם וואָס אַמאָל מעהר געזונד, און זײַן חשק ברענט אין איהם ווי אַ העליש פֿײַער, איז ער געניי'ט געווען איהם דאָס צו ערלויבען, און איז אַהין געפֿאָהרען נאָך רוצוועל צו ר' שמעלקאַ'ן און ער זעהענדיג אַז ער איז שוין אַ ים מיט תורה און חכמה האָט ער איהם צוגענומען מיט גרויס כבוד, און האָט איהם אָבגעהיטען ווי זײַן אויג אין קאָפּ, און אויסער דעם וואָס ער האָט איהם מונדליך איבערגעגעבען די אַלע גאָלדענע שליסלען וואָס ער האָט מיט די צײַט ערפֿינדען צו די פֿערשיעדענע טויערען און טהירען פֿון די הייליגע תורה, האָט ער איהם ערלויבט דורכצוזעהן אַלע זײַנע כתבים וואָס ער האָט אויף זיי אויפגעשריבען זײַנע חדושים

אויך דאָרט אין רוצוועל האָט דער יונגער גאון זיך געקויפֿט אַ זעה־שענעם נאָהמען, און אַלע לומדים האָבען איהם מיט כבוד געטראָגען אויף זייערע לעפּצען און געזאָגט אויף איהם זעהר גרויסע צוקונפֿטען. ווען ער האָט געדאַווענט פֿלעגען זיך פֿיעל הונדערטער מענשען פֿערזאַמלען זעהן זײַן אומנאַטירליך התלהבות. יעדען טאָג האָט ער בעקומען בריעף פֿון די היים, און פֿון גרויס בענקשאַפֿט איז בײַ איהם זײַן שווער יעדע וואָך געווען און געזעהן אַז עס זאָל איהם דאָרט נאָר־

נישט

נישט פֿעהלען. נאָר ער האָט זיך פֿון דעם נאָרנישט געמאַכט, ווייל אַלע זיינע חושים זענען געווען פֿערנומען נאָר מיט תורה און דבקות הבורא יתברך. און ווען זיין שווער האָט איהם איבערגעלאָזט געלד אויף פרנסה האָט ער אַ שווערען זיפֿץ געגעבען, און ווי ער האָט איהם נעפֿרעגט וואָס ער זיפֿצט אזוי, האָט ער איהם געענטפֿערט ווייל ער האַלט נאָך נישט ביי די מדרגה פֿון רבי פנחס בן יאיר וואָס די הייליגע גמרא ערצעהלט אויף איהם (חולין ז' ע"ב) אַז פֿון די צייט וואָס ער איז צו זיין שכל געקומען האָט ער נישט קיין הנאה געהאַט אפילו פֿון זיין אייגענעם פֿאָטערס סעודה.

דער הייליגער גאון ר' שמעלקא זעהענדיג אַז דער ר' לוי יצחק קאָן שוין אַרויפֿגעהן אויף די העכערע מדרגות פֿון קדושה, האָט ער איהם מיט דעם קאָזניצער מגיד זכותו יגן עלינו מיטגענומען צו דעם הייליגען מעזריטשער מגיד דער רבי ר' בער נשמתו בגנזי מרומים, אויך האָט ער מיט זיי מיטגענומען דעם רבין פֿון לובלין זכותו יגן עלינו, כדי זיי זאָלען דאָרט אַריינקריגען מעהר קדושה. ווי דער מעזריטשער מגיד האָט בעטראַכט דעם יונגענמאַנטשיק ר' לוי יצחק האָט ער גלייך געזעהן מיט זיין רוח הקודש אַז ער בעזיצט זעהר אַגרויסע נשמה, און ער האָט איהם זעהר מקרב געוועזין און האָט איהם געהאַלטען פֿון זיינע געצייכענטע תלמידים.

רבי לוי יצחק האָט אויך געזעהן אַז דער מעזריטשער מגיד איז אַ הייליגער קוואַל מיט תורה און חסידות, דאַדורך האָט ער דאָרט געוויסט ווי זיך נוהג צו זיין, און האָט נישט אויפֿגעהערט צו שעפּען פֿון דעם לעבעדיגען קוואַל זעהר פֿיעל חדושים אין קדושה. און דער צדיק יסוד עולם רבי דוד משה פֿון טשאָרטקאָוו זכותו יגן עלינו ער־צעהלט, אַז דער רבי לוי יצחק האָט געהאַט אין אַ פנקס פֿערשריבען אפילו די שיחות חולין וואָס ער האָט געהערט פֿון מעזריטשער מגיד און האָט אַריינגעאַרבייט צו פֿערשטעהן זיינע הויכע כונות וואָס זענען אין זיי בעהאַלטען, און ווי ער האָט זיי ווי אַ גייסטיגער חעמיקער צונומען האָט ער אין זיי געפֿונען גאַנץ הויכע ענינים און וויכטיגע רפואות פֿאַר די חולי הנפש.

אין דעם יאָהר פֿונפֿטויזענד פֿונפֿהונדערט איינאונצוואַציג איז דער גאון ר' שמעלקא אויפֿגענומען געוואָרען פֿאַר רב אין די שטאָדט שינאַווא, און ר' לוי יצחק איז געבליבען אויף זיין אָרט רב אין רוצוועל. און האָטש ער האָט דאָס נישט געוואָלט, האַלטענדיג פֿון די הייליגע משנה אין אבות וואָס הייסט פֿיינד האָבען דאָס רבנות, נאָר אַזוי ווי זיין רייכער שווער איז דאַמאָלס געוואָרען אַ יורד טנכסיו האָט זיין ווייב פֿאַר איהם געוויינט אַז ער זאָל נעמען דאָס רבנות, אויך האָבען איהם זיינע הייליגע חברים ווי דער רבי פֿון לובלין און דער

קאָזניצער

קאָזניצער מגיד זעהר גוגש געווען, ביז ער האָט זיי דאָס צוליעב געטהון און איז געוואָרען רב אין רוצוועל.

פון דאָרט איז זיין הייליגער נאָמען געהערט געוואָרען ווי ווייט און מ'האָט איהם איבערגעגעבען דאָס רבנות אין די שטאָדט זעליחאָוו אויף דעם אָרט פון גאון ר' נפתלי הירץ מרגליות. דער זוהן פון גאון ר' אביגדור מרגליות, דער איידים פון ר' הירש וויטשעס פון אפט וואָס ווערט געברענגט אין נודע ביהודה (אבן העזר סי' ס"א) מיט'ן נאָהמען מיין מזמעם זוהן. וויל דער פאָטער פון נודע ביהודה ר' יהודה איז געווען א זוהן פון דעם ר' הירש וויטשעס

אויך די מענטשען פון זעליחאָוו האָבען דעם נייעם רב ר' לוי יצחק זעהר פערגעטערט זעהענדיג אז אויסער זיין גאונישקייט און זיין בקיאות און אלע חדרי תורה, איז נישט צו פערשטעהן זיין התלהבות און דבקות הבורא יתברך ביי זיין דאוונען און לערנען. אז די גרויסע גוטע יודען האָבען אויף איהם געזאָגט אז ער האָט א ניצוץ פון תנא רבי עקיבא, וואָס די גמרא ערצעהלט אויף איהם (ברכות דף ל"א) אז ער איז ארומגעשפרינגען ביי'ם דאוונען פון איין ווינקעל צום צווייטען פון גרויס התלהבות. אויך איז ער אין דעם געווען גלייך צום תנא רבי עקיבא, וואָס רבי עקיבא האָט בעשאַפען די נשמות פון די גרים (חסד לאברהם מ"ה), און ער זייענדיג אין זעליחאָוו האָט ער פיעל מחזיר למוטב געווען, מיט זיינע זיסע צונג און קלוגע ערקלערונגען אז זיי זאָלען ענטלויפען פון די שדים-וועלט אין ארין אין דעם עולם המלאכים.

נאָר ווי דער שטן האָט דערזעהן אז דער נייער רב נעמט פון איהם אוועק זיינע אנהענגער און מאַכט זיי נאָך פאַר זיינע שונאים, האָט דער שטן אָנגעהויבען מיט איהם צו פיהרען א מלחמה, און האָט אָנגערעדט פיעל פרייע מענשען צו פייניגען דעם רב און איהם רודפ'ן מיט פערשיעדענע רדיפות, אזוי ווייט אז ער איז ביי זיך זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען

זיינע מתנגדים האָבען אזוי טרעיש געווען אין שטאָדט, אז די חכמי הדור האָבען נישט געוויסט וואָס צו טהון און זיי האָבען מיט א בריעף אָנגעפרעגט דעם הייליגען צדיק פון ליזענסק וואָס פאַר א עצה זיי האָבען איינצושטילען דעם מחלוקת, און ער האָט געהייסען זיין זוהן אָבשרייבען דעם בריעף: „אזוי ווי איהר האָט צו מיר געשריבען איך זאָל אָנפרעגען מיין הייליגען פאָטער וועגען דעם מחלוקת וואָס האָט זיך בעוונותינו הרבים דערוועקט אויף דעם רב האי גאון החסיד המפורסם אב בית דין דקהלה קדישא זעליחאָוו נרו יאיר, האָב איך מיין הייליגען פאָטער דאָס געפרעגט, און ער האָט מיר אויף דעם געענטפערט: וואָס איז דאָס ביי איך אזוי א חדוש. עס איז שוין אזאלכע

אזאלכע זאכען געשעהן אויף די וועלט, מיר געפונען אברהם אבינו עליו השלום וואס נמרוד האט איהם אריינגעווארפען אין קאלכאוויווען זועה אויף אזוי א מבוכה, זעה מיט וועמען האלט מען מחלוקת, זיי קריגען זיך נאר מיט אונזערע נפשות. ווען נישט דער מחלוקת וואלט קיין אומה ולשון געקאנט אויף אונז שולט זיין טחסת זייערע הייליגע תפלות.

אויך צווישען זיינע מתנגדים האט זיך געפונען דער גאון ר' עוזיאל מייזליש דער מחבר פון ספר עין הדעת טוב, וואס האט אין די צייט געגעסען קעסט ביי זיין שווער אין דארף נעבען זעליחאוו, און ער האט איהם מיט פיעל זאכען זעהר מצער געווען. איינמאהל האט איהם ר' לוי יצחק געווארענט אז ער וועט דאס ערצעהלען דעם הייליגען מגיד פון מעזריטש, הערענדיג דאס האט ר' עוזיאל חשק געקריגען צו קענען דעם מעזריטשער מגיד און איז צו איהם אהין געפאהרען. דער מגיד האט איהם זעהר געשטראפט פאר וואס ער איז בחנם מצער זיין הייליגען תלמיד, און ער האט איהם ערקלעהרט וואס פאר א צדיק יסוד עולם דער ר' לוי יצחק איז, פון דאמאלס אן האט ער מורא געקריגען, און עס האט איהם באנג געטהון פאר וואס ער האט איהם ביז אהער מצער געוועזען.

נאר דער פראסטער המון האבען דעם שטן געהארכט און האבען איהם נישט אויפגעהערט צו פייניגען ביז ער איז געצווינגען געוועזען צו פערלאזען די שטאדט. און אזוי ווי ער איז ארויס פון זעליחאוו איז געווארען זעהר אגרויסע שרפה. נאר ער האט די הענד אויפגעהויבען צום הימעל ...ן געזאגט: „איך בין גוזר אז כל זמן זיי וועלען נישט משנה זיין מיינע מנהגים זאל די שטאדט נישט ברענען". און אזוי איז טאקי געוועזען, אז ביז דעם יאהר תרכ"ה וואס זיי האבען נישט משנה געוועזען זיינע מנהגים איז קיין שרפה נישט געוועזען, נאר אין דעם יאהר האבען זיי אנגעהויבען משנה צו זיין, איז גלייך געווארען א געפעהרליכע שרפה און פיעל מענשען זענען געניזוק'ט געווארען, דאס אלע האבען געזעהן אז דאס פייער איז נישט נאטירליך, און האבען מודה געוועזען אז צוליעב זייער משנה זיין די מנהגים איז דאס געקומען אלס עונש פון הימעל רחמנא ליצלן.

אין דעם יאהר פינפהונדערט ...ינאונדרייסיג (תקל"א) איז ער געווארען רב אין די גרויסע שטאדט פינסק, אויף דעם ארט פון דעם גאון בעל הורת יקותיאל. און דארט האט ער געוויזען וואס פאר א קדוש וטהור ער איז. די פערלאשענע יודישע פונקען וואס זענען געלעגען אין דעם דארטיגען עולם, האט ער מיט זיין מוסר אויפגעבלאזען, און האט אין זיי אריינגעברענגט א אונגעהויערן חשק צו תורה און יראה, אזוי ווי זיין תלמיד שרייבט אין ספר ויכוחא רבה חלק ב':

איך

„איך האב נישט זוכה געווען צו זעהן דעם קוואל (פון הייליגען מגיד פון מעזריטש) אויפצו טרינקען מיט דורשט זיינע ווערטער נאר פון מיך וואס ציהט זיך פון דעם קוואל און איז געווארען א פליסענדער שטרום ביי זיי הייליגען תלמיד וואס איך בין ביי איהם געוועזען. דער הייליגער בערימטער גאון רבי לוי יצחק נרו יאיר פון פינסק, ווען איך בין ביי איהם געוועזען האב איך איהם געזעהן ווי א לויטער ליכטיגקייט אין די הימלען. אויסגעטהון פון אלע עניני גשמיות און בעהעפט מיט א וואונדערליך דבקות אין די כונות פון די מצות, און זיין תפלה הערט זיך ווי ווייט".

נאר דער שטן האט איהם דארט אויך נישט געלאזט רוהען, און האט אויף איהם אויפגעשטעלט ווילדע מתנגדים וואס האבען איהם גערודפ'ט און זעהר מצער געוועזען. נאר ער מיט זיין עניוות האט אלץ מקבל באהבה געוועזען און האט פון זיי נישט געפאדערט זיין צער און בושה, אזוי ווי עס איז געוועזען דער שטייגער פון הייליגען בעל שם טוב'ס תלמידים צו זיין זעהר גרויסע סבלנים און נישט פער-שעמען צוריק די וואס האבען זיי פערשעמט. און דאס וואס מיר געפונען ווי חסידים האבען זיך געשטעלט געגען די מתנגדים און האבען געגען זיי צוריק געשטרייקט, זענען געוועזען דער המון וואס זענען נאך נישט געקומען צו די מדרגה צו זיין מן הנעלבים ואינם עולבים (פון די פערשעמטע און פערשעמען נישט צוריק), אבער די ריכטיגע חסידים האבען נישט געוואלט שטרייטען מיט זייערע געגענער

און אזוי אויך דער הייליגער רבי לוי יצחק זכותו יגן עלינו האט נישט געוואלט קיין כח מכניע צו זיין זיינע מתנגדים וואס האבען איהם בחנם זיין לעבען פערביטערט. און האבען זיך געגען איהם געפיהרט ווי יענע צומישטע קראנקע רחמנא ליצלן, וואס האבען די פלעשלעך מעדיצינען געווארפען זייער דאקטאר אין קאפ אריין.

נאר אמאל האט דער צדיק א ביס געגעבען זיינע געגענער מיט א גלייך ווערטעל, זעהענדיג אז מיט דעם וועט ער זיי מחזיר למוטב זיין. אזוי ווי עס ווערט ערצעהלט, אז ער איז אמאל געקומען אין א שטאדט אריין און האט דארט געהאלטען שבת. זענען איהם געקומען מקבל פנים זיין צוויי רבנים, דער רבי פון די שניידער און דער רבי פון די מעהל הענדלער, און זייער מיינונג איז געוועזען פון איהם חוזק צו מאכען, און ער האט דאס מיט זיין רוח הקודש גאנץ גוט געזעהן האט ער צו זיי געזאגט: „אזוי ווי איך ווייס נישט ווער פון אייך ביידע איז גרעסער איך זאל איהם פריהער געבען שלום. גיב איך אייך צו זאמען איין שלום" (א רמז אויפ'ן פסוק אין שלום אמר ה' לרשעים. מ'איז נישט דא קיין שלום צו די רשעים). נאכדעם האבען זיי איהם געבעטען אז ער זאל זיי זאגען עפעס א תורה. האט ער זיי געזאגט:

די

„די גמרא שבת דף ל׳ זאָגט אַז ארץ ישראל וועט אַרויסגעבען זיידענע קליידער און פערטיגע עסענוואַרג. איך האָב מיך שטענדיג אויף דעם מאמר געוואונדערט וואָס פֿאַר אַ ריוח וועט דען פֿון דעם זיין, נאָר איצט איז דאָס מיר געוואָרען פֿערענטפֿערט, ווייל איצט ברויכען מיר האָבען שניידער און מעהל הענדלער, און זיי מאַכען זיך בעזונדערע רבנים, אַ רב פֿון די שניידער, אַ רב פֿון די מעהל הענדלער. אָבער לעתיד ווען דער הייליגער משיח וועט קומען און די הייליגע ערד וועט אַליין אַרויסגעבען פֿערטיגע זיידענעקליידער און אָבגעבאַקענע שפּייז, וועט מען שוין נישט געברויכען קיינע שניידער און קיינע מעהל הענדלער, וועלען מיר דאַמאָלס האָבען דעם ריוח וואָס מיר וועלען פּטור ווערען פֿון אַ שניידער רב און אַ מעהל הענדלער רב״. און ווי די ביידע רבנים האָבען דעם קלוגען וויטץ געהערט. האָבען זיי איהם ליעב געקריגען און האָבען אויפֿגעהערט צו זיין זיינע מתנגדים.

אין דעם יאָהר תקל״ב האָבען די מתנגדים זעהר שרעקליך גע־רודפ׳ט די חסידים מיט זייערע גוטע יודען, און מעהר פֿאַר אַלע האָבען זיי גערודפ׳ט דעם הייליגען גאון רבי לוי יצחק אין פּינסק, און זעהענדיג אַז ער געפֿונט זיך דאָרט אין די גרעסטע סכנה, איז ער קוים מיט זיין לעבען ענטלאָפֿען נאָך מעזריטש צום הייליגען מגיד זכותו יגן עלינו. און די מתנגדים האָבען אין פּינסק געמאַכט אַ מתנגדישען רב דער גאון ר׳ אביגדור, וואָס ער האָט געהאָלפֿען רודפ׳ן די צדיקים, ווי דעם צדיק יסוד עולם רבי שניאור זלמן מלאַדי זכותו יגן עלינו. און דער נייער רב האָט מורא געהאַט אַז דער פֿריהיגער רב ר׳ לוי יצחק זאָל נישט צוריק קומען נאָך פּינסק צו זיינע בני בית וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט און אָבנעמען זיין רבנות מיט׳ן כח פֿון זיינע חסידישע אַנהענגער, דאַדורך האָט ער אָנגעהויבען צו רודפ׳ן זיינע בני בית און זיי צווינגען אַז זיי זאָלען פֿערלאָזען פּינסק איידער ער קומט צוריק. נאָר זיינע בני בית האָבען געשיקט אַ בריעף נאָך מעזריטש צו ר׳ לוי יצחק און ערצעהלט פֿון זייערע רדיפות. ער האָט דאָס דאָרט ער־צעהלט זיינע הייליגע חברים, און זיי האָבען אַלע מסכים געווען אַז זיצענדיג מיט׳ן הייליגען מגיד ביי די סעודה, זאָל מען איהם דעם בריעף פֿאָרלעזען. און זיי האָבען אַזוי געטהון און האָבען איהם שבת ביי דעם טיש פֿאָרגעלעזען דעם בריעף, נאָר ער האָט אויף דעם גאָר נישט געענטפֿערט. דאַדורך האָבען זיי זיך מוצאי שבת אַ עצה גע־האַלטען. און עס איז ביי זיי געבליבען אַז זיי זאָלען צוריק מחרים זיין די וואָס האָבען זיי מחרים געוועזען ווי נאָך דעם נייעם פּינסקער רב וואָס איז מבזה דעם צדיק רבי לוי יצחק מיט זיינע בני בית. זיי האָבען געמאַכט דעם חרם און האָבען זיך געלייגט שלאָפֿען. איז דער הייליגער מגיד צו זיי געקומען מיט אַ פֿערדראָסענעם... פֿערדרוס פֿאַר וואָס זיי האָבען זיך ערלויבט צו מאַכען אַ חרם אָהן זיין הסכמה, און

ווי

זיי האבען זיך פאר איהם פערטיידיגט אז זיי האבען שוין מעהר קיין כח נישט אויסצוהאלטען די רדיפות און דעם צער וואס די מתנגדים טהון זיי צו. האט ער זיי געענטפערט: „איהר זאלט וויסען אז מיט דעם האט איהר פערלוירען אייער קאפ (אז דער מגיד זאל נסתלק ווערען) נאר דאס האט איהר מיט דעם מרוית געוועזען, אז יעדעס מאל וואס וועט אויסברעכען א מחלוקת צווישען מתנגדים און חסידים, וועלען די חסידים שטענדיג מנצח זיין״

נאך דעם חרם האט זיך דער מחלוקת נישט איינגעשטילט, און דער הייליגער צדיק ר׳ לוי יצחק איז אויף א קורצע צייט צוריק נאך זעליחאוו, און פון דארט נאך פינסק, און האט מיט זיינע בני בית קיין רוה נישט געפונען, ביז דאס מעסטעל פון זיין צער איז שוין פול געווארען, און דער בורא יתברך האט שוין אויף איהם רחמנות געקריגען, און האט אריינגעגעבען א געדאנק אין די הערצער פון די בערדיטשעווער יודען אז זיי זאלען איהם מאכען פאר א רב אין זייער שטאדט בערדיטשעוו, ער זאל זיי לערנען די ריכטיגע וועגען וואס פיהרען דעם שטערבליכען מענטש צום אמת׳ען תכלית. און דארט האט ער שוין געוויסט פון א רוהיג לעבען, און די מענטשען פון די בע־רומטע שטאדט האבען פערשטאנען צו שעצען דעם צדיק יסוד עולם און איהם זיין צו הילף ארויס צו געבען זיינע גרויסע הייליגע ענינים וואס האבען פערפעסטיגט די פונדאמענטען פון יודישקייט.

זיין דאווענען מיט התלהבות האט צו בראכען יעדענס הערץ און אין איהם אריינגעברענגט א אמת׳ע יראה. אזוי ווי דער הייליגער רבי פון סאדיגורא זכותו יגן עלינו פלעגט זאגען אז דער בערדיטשעווער רבי האט געהאט א עבודה קשה, חאטש פאר איהם אליין איז גענוג געוועזען א שטילע עבודה, נאר ער האט זיך אויסגעקליבען אזוי א שווערע געוואלדיגע עבודה, כדי ער זאל מיט דעם התלהבות דער־היצען די זינדיגע הערצער זיי זאלען תשובה טהון און צוריק ווערען ערליכע יודען.

אין בערדיטשעוו האט זיך געפונען א אפיקורס וואס פלעגט פלאדערן על ה׳ ועל משיחו, און האט פון חסידים חוזק געמאכט הערענדיג ווי זיי ערצעהלען נפלאות פון זייערע גוטע יודען. איינמאל האבען זיי איהם געזאגט אז ווען ער זאל אמאל הערען דאס דאווענען פון בערדיטשעווער צדיק וואלט ער זיכער תשובה געטהון און אויפ־געהערט חוזק צו מאכען. און האטש ער האט פון דעם אויך געלאכט פונדעסטוועגען איז ער געגאנגען הערען זיין דאווענען, און איז זיך געשטאנען און אויסגעהערט זיין פחד׳יג דאווענען מיט א שמייכלדיג פנים, ווי אייגער זאגט אז עס ארט איהם דאס גארנישט. נאר ווי ער האט פון איהם געהערט זאגען ובא לציון גואל און האט אנגע־

הויבען

הויבען צו שרייבען די ווערטער ולשבי פשע ביעקב (די בעלי תשובה וואס געפונען זיך צווישען יודען) מיט אזוי א מאראלישען נגון, האט איהם אנגעהויבען זיין זינדיג הערץ צו צוגעהן ווי וואסער, הייסע טרערען האבען גלייך אנגעהויבען צו פליסען פון זיינע אויגען, און האט גע-בעטען אז ער וויל ערינסט תשובה טהון, און דער צדיק האט איהם גלייך ארויסגעגעבען א תשובה, זעהר א היילינע מעדיצין, וואס האט זיין קראנקען נפש אין גאנצען געזונד געמאכט.

דער בערדיטשעווער צדיק איז אמאל געוועזען אין זאלקאווע און האט דארט אין בית המדרש מתפלל געוועזען מיט זיין גרוים התלהבות האט איהם דער דארטיגער גאון רבי אברהם אבוש זכרונו לברכה גע-זאגט: „לויט אייערע פייערדיגע תפלה קומט אויס אז איך האב נאך נישט געדאווענט" האט ער איהם אויף דעם געענטפערט: „דער זכות פון אייער תורה איז אויף אייך מגין". און דער היילינער גאון רבי שמואל פון קאמינקע זכרונו לברכה האט געזאגט אז ער האט מבהין גע-וועזען דאס התלהבות פון בערדיטשעווער צדיק ווען ער האט געזאגט ברכו. אז עס איז ווי דאס התלהבות וואס דער היילינער מהרש"א זכרונו לברכה האט געהאט, ווען ער האט געשריבען זיינע חידושי תורה (ספר שני המאורות).

אין זיינע יונגע יאהרען איז דער בערדיטשעווער צדיק געוועזען אין אונגארען, און האט זיך אויפגעהאלטען א צייט אין די שטאדט קראלי, און עס האבען זיך צו איהם מתקרב געוועזען פיעל וויכטיגע מענטשען פון יענעם געגענד, און רייידענדיג מיט איהם אין תורה און זעהענדיג זיינע התלהבות האבען זיי אויך געקריגען גרוים התלהבות, און זענען ארויף אויף העכערע מדרגות פון יודישקייט. זעהענדיג זייער גרוים עגמת נפש פון זיין אוועקפאהרען פון דארט, האט ער זיי צו געזאגט אז ער וועט זיי שיקען זיינם א תלמיד וואס וועט זיי לערנען זיינע דרכים, און ער האט זיי אהין געשיקט זיין היילינען תלמיד ר' אהרן זכרונו לברכה פון זיטאמיר, דער מחבר פון ספר תולדות אהרן, און זייענדיג אין קראלי דריי יאהר האט ער דארט אריינגעברענגט זעהר אגרויסע קדושה, און דארט זענען געוועזען די גרויסע און היילינע חסידים וואס זענען בעוואוסט מיט'ן נאמען „חסידי אשוואר", וואס מען האט געזאגט, אז דער נאמען פון דארף א שוואר, זאגט זייער הויכע מדרגה. אש=ואור (פייער און ליכט), דאס הייסט דער פייער פון תפלה און דאס ליכט פון תורה.

דער זעלבער תלמיד רבי אהרן פון זיטאמיר שרייבט אין זיינע חדושים וואס זענען געדריקט געווארען אין סוף ספר גאולת ישראל מיט דעם לשון: „אזוי ווי איך האב געהערט פון מיין היילינען רבין (ר' לוי יצחק) זכר צדיק לברכה, אז ער האט מקפיד געוועזען

און

אַז איינער דאַוונט מיט אַ העכער קול ווי ער רעדט כו', אויך איז דאָ מענטשען וואָס זינגען ביי דעם דאַוונען, און זיי רעכענען אַז מיט דעם וועלען זיי קריגען התלהבות און טהון אַ נחת רוח דעם בורא יתברך כו', וואָס באמת איז דאָס אַ פֿאַלשע עבודה און זיי זענען נאָך נישט אַריין אין דעם שאָטען פֿון אמת, ווייל דער אמת'ער וועג איז וואָס מען ברויכט ביי די עבודה אויסצוטהון זיך פֿון גשמיות און מען זאָל מיינען אַז מען געפֿונט זיך נישט אין גאַנצען אויף די וועלט און זאָגען די ווערטער מיט אַ געוועגליך קול, און בעהעפֿטען זיינע מחשבות אין די הייליגע אותיות, אויך גוט פֿערשטעהן דעם פירוש המלות, דאַמאָלס וועט זיך שוין פֿון זיך אַליין דערוועקען דאָס הייליגע התלהבות כו'. אַזוי ווי איך האָב אַ קבלה פֿון מיין הייליגען רבין (פֿון בערדיטשעוו) זכר צדיק לברכה, און ער האָט דאָס אַ קבלה פֿון זיין רבי דער מגיד זכר צדיק וקדוש לברכה. און ער האָט עס אַ קבלה פֿון הייליגען בעל שם טוב זכר צדיק וקדוש לברכה, און ער האָט עס אַ קבלה פֿון זיין רבין אחיה השלוני זכר צדיק וקדוש לברכת אַז דאָס איז דער אמת'ער וועג אין דינען דעם בורא יתברך"

נישט בלויז ביים דאַוונען האָט ער געהאַט דאָס גרויסע התלהבות, נאָר אויך ביי יעדע מצוה האָט ער זיך געשטאַרקט ווי אַ לייב צו טהון דעם רצון פֿון זיין הייליגען פֿאָטער אין הימעל מיט אַ פֿייערדיגע אהבה און מיט אַ שרעקליכען חשק, אין איהם איז מקוים געוואָרען דער פסוק „אלה המצות אשר יעשה אותם האדם וחי בהם", (דאָס זענען די מצות וואָס דער מענטש זאָל זיי טהון און ער וועט דורך זיי לעבען), ווייל אַזוי ווי דער בערדיטשעווער צדיק האָט געטהון אַ מצוה, האָט ער געפֿיהלט אַז זי גיעט אין איהם אַריין אַ פֿריש חיות, און האָט פֿון דעם בעקומען אַ מין זיסקייט וואָס עס איז שווער פֿאַרצושטעלען, וואָס אויף דעם בעטען מיר „והערב נא את דברי תורתך בפינו" (די זאָלסט די רייד פֿון דיין תורה זיס מאַכען אין אונזער מויל), דאַדורך האָט ער צו די מצות זעהר געגליסט און האָט אָהן אַ שעור געהאָפֿט אַז דער בורא יתברך זאָל איהם כסדר צו שיקען מצות צו טהון. יעדען מוצאי שבת און יום טוב האָט ער שוין געהאָפֿט דער טאָג זאָל ערשיינען ער זאָל קאָנען מקיים זיין די מצוה פֿון תפילין. די נאַכט פֿון סוכות האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפֿען פֿון גרויס חשק אַז דער טאָג זאָל שוין קומען און ער זאָל מקיים זיין די מצוה פֿון ארבעה מינים. און אַזוי איז געווען זיין אומנאַטירליכער חשק ביי אַלע אַנדערע מצות.

זיין הייליגער תלמיד רבי אהרן פֿון זיטאָמיר שרייבט אין זיין ספר תולדות אהרן (דרוש י"ג): „ווען מען געהט זיך שטעלען פֿאַר אַ מלך ברויך מען זיך פֿריהער מסדר זיין וואָס און ווי אַזוי מען זאָל ריידען כו'. און אַזוי אויך ברויך מען זיך נוהג זיין פֿאַר'ן דאַוונען, און

איינגעטליך

איינענטליך ברויך די הכנה צום דאווענען מעהר צייט ווי דאס דאווענען אליין נאר מיר בעזיצען נישט קיין כח און קיין שכל צו דעם, דאדורך זענען מיר זיך סומך אויף די צדיקים פון דור וואס האבען זיך אויף האלבע נעכט. און מאכען הכנות צום דאווענען, אזוי ווי מיין הייליגער נאונישער רבי (פון בערדיטשעוו) זכותו יגן עלינו"

און זיין שטייגער איז געוועזין צו פערשפעטיגען דעם זמן תפלה, אזוי ווי זיין תלמיד שרייבט אין ספר ויכוחא רבה (דף ט"ו), אז ער האט זיך סומך געוועזין אויף קריאת שמע קטנה וואס מען זאגט ביי די קרבנות אין די פריה, און געווים האט ער אין דעם געהאט א הייליגען טעם, און מיר טארען נישט נאך אזוי א צדיק יסוד עולם מהרהר זיין. און פאר איהם ווערט געברענגט אין ספר שמועות טובות דריי טעמים אויף דעם פערשפעטיגען דעם זמן תפלה, און דער בעסטער טעם פון זיי איז אז דער צדיק איז אין די בחינה פון מחנה דן המאסף לכל המחנות (דן האט צוזאמען געקליבען וואס איז צו אלע מחנות), און דער צדיק ברענגט אויף מיט זיין תפלה אלע תפלות פון די יודען, דאדורך ווארט ער מיט זיין דאווענען ביז דאס פאלק ענדיגט זיין תפלה, נאכדעם ברענגט ער זיי ארויף אויף דעם ריכטיגען הייליגען ארט מיט זיין פייערדיגע תפלה.

זיין איניקעל דער הייליגער רבי פון נעסכיז זכותו יגן עלינו האט אויף איהם געזאגט אז ער איז געוועזין זעהר א שטארקער מחמיר אין די דינים פון שבת. וויל ער שרייבט אין זיין ספר קדושת לוי (פרשת בראשית): „די קדושה פון שבת איז אזוי גרוים אז דער מענש בעהעפט זיך אין די אייבערשטע קדושה, קומט אוים אז אין שבת געהט דער מענטש צוריק צו זיין שורש". דאדורך האט ער זעהר געווארינט מען זאל אין שבת נישט ריידען קיין דברי חול.

די חסידים וואס האבען איהם געזעהן שטעהן ביי די ברונע און אליין שעפען וואסער צו באקען מצות אויף פסח מיט א פייערדיג התלהבות, פלעגען זאגען, אז דאמאלם איז ער אין גאנצען בבחינת הימעל וואס איז פון פייער מיט וואסער.

אויך די מצוה פון הכנסת אורחים איז ביי איהם געוועזין טייער אהן א שעור. ווען ער האט נאך געגעסען קעסט ביי זיין שווער'ס טיש האט ער אליין משמש געוועזין די פיער אורחים וואס זענען ביי זיין שווער איינגעשטאנען. ער אליין האט זיי געבראכט בינדטלעך שטרוי און זיי געמאכט די געלעגערם. און ווען זיין שווער האט איהם געזאגט פאר וואס ער איז זיך אליין מטריח, און פאר וואס ער גיעט בעסער נישט דעם ערל אפאר גראשען ער זאל טראגען דאס שטרוי, האט ער איהם געענטפערט: „דאס הייסט א איינפאל מכבד זיין א ערל מיט אזוי אגרויסע מצוה, און איהם נאך צו געבען געלד".

די פוילישע חראבייעס פלעגען דאמאלס זעהר פייניגען די יודישע ארענדארען, און ווען זיי האבען נישט געהאט צו בעצאהלען אין די צייט זייערע שולדען, פלעגען זיי די חראביעס אנטהון עגויים קשים רחמנא ליצלן און צו נעמען זייער לעבען. פלעגט דער בערדיטשעווער צדיק ארומגעהן און צו זאמען מאכען נדבות אויסצולייזען זיי פון די בלוטיגע הענד

ווען די צדיקים זענען ארויס מיט א הייסען אויפרוף מען זאל וועהן צו שטיצען די ארעמע יודען וואס זיצען על התורה ועל העבודה אין ארץ ישראל, איז דער בערדיטשעווער צדיק אויך געוועזען צווישען זיי, און צווישען די בריעף וואס איז אויף דעם צוועק געדרוקט גע-ווארען אין ירושלים, שיינט ארויס זיין בריעף וואס בלאזט אויף די ערבארמדיגע פונקען אין די יודישע הערצער

דער בערדיטשעווער צדיק האט געהייסען מיט'ן ביינאמען „דער-בארמדיגער", ווייל זיין רחמנות אויף יעדען מענטש איז געוועזען אומ-נאטירליך. מען ערצעהלט אז ווען דאס מלכות האט ארויסגעגעבען א בעפעהל אז יעדער מענש זאל האבען א ביינאמען, איז צו איהם אין שטוב אריינגעקומען א פאליציאנט און האט איהם געפרעגט וואס פאר א ביי-נאמען ער וויל האבען, האט ער געענטפערט דאס לשון פון די גמרא: „בעהעפט דיך אין גאטס מדות, אזוי ווי ער איז א דערבארמדיגער זאלסט די אויך זיין א דערבארמדיגער", האט איהם דער פאליציאנט איינגעשריבען „דערבארמדיגער". און טייל ערציילען אז אזוי ווי דער פאליציאנט איז צו איהם אריינגעקומען האט ער געמיינט אז די פער-ביסענע מתנגדים האבען אויף איהם אויסגעטראכט א בלבול, האט ער א געשריי געגעבען צום הימעל „דערבארמדיגער", האט דער פאליציאנט איהם א ביינאמען געגעבען „דערבארמדיגער".

## אין דעם ספר תפארת בית לוי שטעהט געשריבען

„דער רב אין ווארשאהל האט מיר געשריבען. ווען איך בין גע-וועזען אין די מדינה זיבענבורגען אין דעם ישוב אפאהודא, וואס איז די גרענעץ צווישען ביידע טיילען זיבענבורגען, אין די הויך זענען זיי יראים ושלמים ליעבען תלמידי חכמים, און אונטען, ראס הייסט די ערטער וואס זענען נאהנט צו מאלדאווא קאן מען שוין קיין כזית כשר פלייש נישט עסען. און די זקנים האבען מיר ערצעהלט אז זיי האבען א קבלה, אז פאר הונדערט און צוואנציג יאהר איז דער הייליגער גאון פון בערדיטשעוו ארומגעפאהרען אין זיבענבורגען אויס-צובלאזען דארט דאס פערלאשענע יודישקייט, און ער איז געקומען

ביז

ביז אפּאהירא, און האָט דאָרט געטראָפען דעם שוחט ובודק מאַנגען מיט גויות אין שבת נישט וויסענדיג אַז דאָס איז אַ זינד, ווייל זיי אַלע זענען דאָרט אַזוי מגושמ'דיג געוועזען, און דער בערדיטשעווער גאון האָט זיי מתקן געוועזען, און אַזוי אויף יעדען אָרט ווי זיינע הייליגע פוס האָבען נאָר אַ טריט געגעבען, זענען די דאָרטיגע מענשען געוואָרען ערליכע יודען".

איינמאָל איז ער נאָך שמונה־עשרה צו געגאַנגען צו פיעל מענשען וואָס האָבען מיט געדאַווענט און זיי געגעבען שלום. און ווי זיי האָבען זיך אַלע געוואונדערט האָט ער זיי געענטפערט: „איהר זאָלט אייך נישט וואונדערן, די אַלע מענטשען זענען ביי די שמונה עשרה נישט געוועזען דאָ, נאָר האָבען מיט זייערע געדאַנקען אַרומגעשוועבט אויף די יארידען אין פרעמדע שטעדט, און נאָך שמונה עשרה ביי דעם אויסגעהן און צוריקגעהן, האָבען זייערע געדאַנקען אויפגעהערט צו טראַכטען פון יענע ווייטע ערטער און זענען צוריק אהער געקומען, דאַדורך קומט זיי אַ אמת'ען שלום עליכם".

ער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין דאָרף צו אַ קצב און האָט איהם נישט געזאָגט ווער ער איז. דער קצב האָט איהם געפרעגט אויב ער איז נישט אַ שוחט, ווייל ער ברויך שנעל שחט'ען אַ בהמה, און דער שוחט וואוינט אַ פּאָר וויאָרסט ווייט פון דעם דאָרף. דער רבי האָט געענטפערט יאָ, האָט איהם דער קצב צוגעזאָגט פאַר דעם שחט'ען די בהמה דאָפּעלט וויפיעל ער צאָהלט דעם שוחט. דער רבי האָט איהם געענטפערט אַז ער וועט איהם די בהמה שחט'ען, נאָר מיט דעם בעדינג אַז ער וועט איהם לייען צוואַנציג רובל וואָס ער ברויכט זעהר נייטיג, און האָט נישט געהייסען מורא האָבען, ווייל ער וועט איהם דאָס זיכער אָבגעבען, און ער פאָהרט אַרום אויף די דערפער קלויבען נדבות, און ער האָט צו דעם הצלחה, אויך דערקאָנט מען איהם אין פנים אַז ער זאָגט קיין ליגענד נישט. דער קצב האָט איהם געענטפערט אַז ער קאָן נישט לייען קיין געלד אַ מענטש וואָס ער קאָן איהם נישט. דאַמאָלס האָט ער איהם אָנגעהויבען מוסר'ן: „איצט ברויכען דיינע אויערן הערען דיינע אייגענע ווערטער. אויף צוואַנציג רובל ווילסט די מיר נישט גלייבען ווייל די קאָנסט מיך נישט, ווי אַזוי קאָנסט די מיר גלייבען אַז איך בין אַ שוחט חאָטש די קאָנסט מיך נישט, ווען דיר זאָל זיך איצט דאָ טרעפען אַ מענטש וואָס איז חוטרע צו געלד וואָלט ער דיר די בהמה געשחט'ן חאָטש ער ווייסט נישט וואָס שחיטה איז, און די וואָלסט חס ושלום געגעסען טרפות". און ווי דער קצב האָט איהם מודה געוועזען אַז ער האָט רעכט, האָט ער איהם מגלה געוועזען ווער ער איז און ער האָט איהם צו געזאָגט אַז פון היינט אָן וועט ער שוין זיין נזהר אין דעם.

איינער פון זיינע מקורבים איז איהם געקומען פרעגען אַ שאלה

איז

אין דינים פון נדה וואס האט זיך ביי איהם אין שטוב געטראפען, האט ער געפסק'נט אז זי איז טמא. און דער פרעגער וואס איז געוועזען א גרויסער למדן האט זיך מיט איהם אנגעהויבען טפלפל צו זיין און ברענגען ראיות אז זי איז טהור, און דער רבי האט איהם זיינע ראיות צולייגט און אויסגעוויזען אז זיין פאריגער פסק איז ריכטיג. און דער פרעגער האט ווידער געברענגט פרישע ראיות אז זי איז טהור, און דער רבי האט זיי ווידער צולייגט און געוויזען אז זי איז טמא, אזוי איז געוועזען פיעל מאל, ביז דער רבי האט איהם געמוסר'ט: "איך וועל דיך טייערער פרעגען פאר וואס האט די הייליגע תורה פערווערט צו נעמען שוחד אפילו צו משפט'ן אמת, היתכן אז מען וועט מיר בערדיטשעווער רב געבען א רובל אז איך זאל ערליך פסק'נען וועל איך חס ושלום צוליעב דעם מטה דין זיין. נאר דער אמת איז פאר וואס דייסט האבאר שוחד ווייל שהוא=חד. דאס הייסט דער דיין ווערט מיט'ן געבער איינס, און ער קאן שוין אויף איהם קיין חוב נישט זעהן, ווייל דער מענטש קאן אויף זיך אליין קיין חוב נישט זעהן, און אפילו ער וועט וועלען דערגעהן דעם אמת וועט ער אויך שוין נישט קאנען וועלכעס ער האט איהם זיינע אויגען מיט'ן געלד פערבלענדט. אזוי אויך איז איצט ביי דיר, איך בין דיך נישט חלילה חושד אז די ווילסט מטהר זיין דאס וואס די ווייסט אז עס איז טמא, נאר ווייל איך קאן דיך פאר א קארגען, און די מדה פון קמצנות האט כח צוברענגען דעם מענש צו אלע עבירות שבעולם, צו חלול שבת, גנבה, גזלה, ווייל ער איז צופיעל חוטרע צום געלד, דאדורך קאן איהם דער יצר הרע נאנץ לייכט ווייזען היתרים אויף די שטארקסטע איסורים וואס ס'קאן פון זיי זיין א שאדען געלד. און אזוי נארט דיך אויך דער יצר און שיקט דיר אונטער פאלשע פלפולים, און די רעכענסט זיי פאר אמת'ע ווייל די האסט חס אויף די קליינע הוצאות וואס די ברויכסט געבען דיין ווייב אויף די טהרת, און באמת ביסט די נישט חשוד אז די ווילסט במזיד מטהר זיין וואס איז טמא, נאר די ווילסט ארויס געבען א דין אמת, נאר די קאנסט נישט קומען צום אמת, ווייל די קליינע הוצאות זענען דיך משחד". (ספר עולם העשיה).

ער האט אמאל נעהאלטען שבת אין די רוסישע שטאדט מיקאלאיעוו. און ווי ער איז אריינגעגאנגען דארט אין שוהל אריין האט דארט געדאווענט איינער א פריידענקער, און ווי דער צדיק איז נאך נישטאנען אויף די שוועל איז ער גלייך צוריק ארויסגעגאנגען זאגענדיג אז ער פיהלט דארט א רוח מינות, און האט דארט אזוי געטייטש דעם פסוק: והיה עקב תשמעון, דער סוף וועט דאך זיין אז איהר וועט מוזען הערין די תורה, אזוי ווי דער הייליגער נביא יחזקאל זאגט (כ' ל"ב) "והעולה על רוחכם היו לא תהיה" (דאס וואס עס נעהט אויף אייער געדאנק וועט נישט זיין), אשר אתם אומרים

נהית

נהיה כגוים כמשפחות הארצות לשרת עץ ואבן, (וואָס איהר זאָגט מיר וועלען זיין ווי די גוים צו דינען צו האָלץ און שטיין), חי אני נאום ה׳ (אַזוי ווי איך נאָך לעב) אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחמה שפוכה אמלוך עליכם, (אויב איך וועל נישט אויף אייך קיניגען מיט אַ שטאַרקע האַנד און אַ אויסגעשטרעקטען אָרעם און אַ אויסגעגאָסענעם צאָרן), דאַדורך ועשיתם אותם, איז דאָך גלייכער איהר זאָלט די מצות בעסער אַליין טהוען, איידער מען גיסט אויף אייך אויס דעם ביטערן כעס פון הימעל רחמנא ליצלן.

מען ערצעהלט אַז עס איז אַמאָל געוועזען אַגרויסער געלערנטער אפיקורס וואָס האָט מגלה פנים געוועזען אין די תורה שלא כהלכה, און ער פלעגט שטענדיג האָבען ויכוחים מיט די יודישע גדולים אין ענינים פון די תורה און מצות, שכר און עונש, און נאָך די ויכוחים איז זיין יצר הרע נאָך שטאַרקער געוואָרען און האָט נישט געוואָלט תשובה טהון. און ווי דער בערדיטשעווער צדיק האָט דאָס געהערט, איז ער צו איהם אַריינגעגאַנגען האַלטען מיט איהם אַ ויכוח. און ווי ער איז אַריינגעקומען האָט ער איהם געטראָפען זיצען און לערנען מיט גרוים התלהבות און דבקות און זיין פנים האָט געפלאַמט ווי פייער, און ער האָט איהם נישט געוואָלט שטערען, נאָר ער איז זיך געשטאַנען פון ווייטען און געזאָגט: „אפשר איז אמת אַזוי ווי עס שטעהט”. דער אַפיקורס האָט זיך זעהר פערוואונדערט הערענדיג די ווערטער, און ס׳איז אויף איהם פלוצלינג געפאַלען אַ שרעק. און ווי דער צדיק האָט דאָס פון ווייטען בעמערקט, איז ער צו איהם צוגע־גאַנגען און געזאָגט: „הער אוים מיין קינד, פיעל גדולים האָבען מיט דיר שוין געהאַט ויכוחים און די ביסט גאָרנישט נתפעל געוואָרען פון זייערע ווערטער, ווייל ווייזען דיר אויפ׳ן טיש דעם גן עדן מיט׳ן גיהנם איז אונמעגליך דאַדורך האָב איך אויך נישט געוואָלט מיט דיר אַריינגעהן אין ויכוחים, נאָר הער מיך טייערער אוים. טאָמער איז אמת וואָס עס שטעהט אין די תורה, און דער בורא יתברך וועט דיך טאַקי מכבד זיין מיט אַ שרעקליכען עונש רחמנא ליצלן פאַר דיינע עבירות, וואָס וועסט די דאַמאָלס טהון”. און ער האָט איהם בע־וואָרפען מיט נאָך אַזאָלכע ווערטער, ביז זיין הערץ האָט אָנגעהויבען צו צוגעהן, און איז געוואָרען אַ אמת׳ער בעל תשובה.

דער בערדיטשעווער צדיק האָט פאַר קיינעם נישט געשראָקען און האָט איהם געמוסר׳ט זעהענדיג זיינע פעהלערין. ער איז אַמאָל תשעה באב אַרומגעגאַנגען מאַכען אַנדבה אויף אַ גרויסע מצוה, און ווי ער איז אַריינגעקומען צו אַ גביר האָט ער דאָרט געטראָפען איהם זיצען מיט נאָך גבירים און געגעסען געזאָטענע העהנער, האָט ער זיי געזאָגט בדרך הלצה: „ווען איהר עסט איצט אויף די העהנער פון וואַנען וועט איהר האָבען כפרות ערב יום כפור”.

ער פלעגט אָפט זאָגען: „איך זעה היינט אַ פערקערטע וועלט.

פֿערצײַטענס איז דער גאַנצער אמת געװעזין אויפ'ן גאַס און אַלע האָבען גערעדט בלוים אמת, נאָר אין בית הכנסת און בית המדרש האָבען זײ גערעדט שקר. און איצט איז פונקט פֿערקערט, אין די גאַסען רעדט מען בלוים שקר, און קומענדיג אַרײַן אין בית הכנסת און בית המדרש רעדט מען בלוים אמת. פֿערצײַטענס איז דער אמת געװעזין אין גאַס, דער הן איז בײַ די סוחרים געװעזין אַ הן און דער לאו אַ לאו, און װען די סוחרים זענען געקומען אין שוהל אַרײַן און זיך געקלאַפּט אין הערץ אָשמנו כו' איז געװעזין נישט אמת, װײַל זײ זענען געװעזין ערליכע לײַט, זײ האָבען נישט געגנב'ט און נישט געגזל'ט. און איצט איז פֿערקערט, אין גאַס הערט מען פֿון זײ בלוים שקר און אין שוהל הערט מען פֿון זײ בלוים אמת, װײַל דער גאַנצער אשמנו כו' האָבען זײ עובר געװעזין.

דער בערדיטשעװער צדיק איז אַמאָל אַרײַנגעקומען אין לעטבערג צו אַ נגיד און האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל איהם ערלויבען צו געבטיגען בײַ איהם אין שטוב. דער נגיד האָט נישט געװוּסט װער ער איז האָט ער איהם דאָס אָבגעזאָגט ערקלערענדיג איהם. אַז אין לעמבערג געפֿונען זיך גענוג האָטעלען. ער האָט איהם דאָס נאָך אַמאָל געבעטען זאָגענדיג אַז זײַן קעשענע ערלויבט איהם נישט אײַנצושטעהן אין האָטעלען. האָט איהם דער נגיד געהײסען געהן צו אַ געװיסען מלמד. דער צדיק האָט זיך נישט געװאָלט אויסגעבען און האָט טאַקי גענעכטיגט בײַ דעם מלמד װאָס האָט איהם מקבל געװעזין בסבר פנים יפות. צו מאָרגענס איז געהערט געװאָרען אין שטאָדט אַז דער בערדיטשעװער צדיק איז דאָ, און זעהר אַגרויסער עולם איז אָנגעקומען שלום נעמען, און צװישען זײ איז אויך געװעזין דער נגיד. װי ער איז אָנגעקומען האָט ער געזאָגט צו איהם: „איך פֿערלאַנג הײליגער רבי אַז איהר זאָלט אײַנשטעהן בײַ מיר, די אַלע גדולים װאָס קומען נאָך לעמבערג שטעהן שטענדיג אײַן בײַ מיר”. הערענדיג דאָס האָט ער איהם אויף דעם געענטפֿערט: „די װעלט פֿרעגט װאָס איז דען דער אונטערשײד צװישען אברהם'ן און לוט'ן װאָס איז די װעלט אַזוי מרעיש מיט דעם חסד װאָס אברהם אבינו עליו השלום האָט געטהון מיט די דרײַ מלאכים װאָס האָט גענומען פוטער און מילך און פֿלײש און האָט זײ געגעבען, בײַ לוט'ן שטעהט דאָך אויך אַז ער האָט פֿאַר זײ געמאַכט אַ מאָלצײַט און האָט געבאַקען מצות. און אַזוי װי אברהם האָט זײ אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב האָט זײ לוט אויך פֿער־בעטען צו זיך. נאָר דער תירוץ איז אַז בײַ לוט'ן שטעהט ויבואו המלאכים סדומה, און ער האָט זײ אַזוי מכבד געװעזין זעהענדיג אַז זײ זענען גרויסע פֿערזענליכקײטען. אָבער בײַ אברהם'ן שטעהט וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו, זײ האָבען זיך צו איהם באַװיזען װי געװענליכע מענטשען, פֿון דעסטװעגען האָט ער זײ אַזוי שעהן צו גענומען

אַזוי

אזוי אויך איהר לעמבערגער גניד, ווען איך בין ביי אייך געוועזין זוי א געוועגליכער אורח און האב ביי אייך געבעטען איהר זאלט מיך לאזען ביי אייך איבערנעכטיגען, האט איהר מיך אבגעשיקט אין הקדש, אבער דיין נאבעלע ארויס גינג (?) טהיר הימיל אין משפחה פון דעם מלמד נאר איצט אז איהר זעהט מיך אלס בערדיטשעווער רב. ווילט איהר מיך שוין האבען ביי אייך פאר א אורח.

זיין שטייגער איז געוועזין שטענדיג מלמד זכות צו זיין אויף יודען, אויך ווען ער האט ביי זיי געזעהן די גרעסטע פעהלערין. ער האט אמאל גע'אגט אין ראש השנה דעם פסוק: הוי גוי חוטא, יודען זענען א פאלק וואס פערפעהלען און פערוויסטערן זיך פון אלע תאוות רעות שבעולם. עם כבד עון. א פאלק וואס איז איהם זעהר שווער א זינד צו טהון. זרע מרעים קינדער וואס זענען צו יעדען ווי גוטע פריינד. בנים משחיתים, קינדער וואס פערדארבען זייער גוף צו טהון דעם רצון פון זייער הייליגען בעשעפער. עזבו את ה' נאצו קדוש ישראל, ווען זיי פערלאזען אמאל דעם איבערשטען און זיי דער-צערנען איהם, נזורו אחור, ריקען זיי זיך באלד אב פון דעם שלעכטען וועג און טהון שנעל תשובה.

ער האט געטייטש דעם פסוק כמו הרה תקריב ללדת, אזוי ווי א צווינגערין (?) איז מקריב איהר קרבן, וויל ווען זי געהט צום קינד און האט די חבלי לידה שווערט זי נישט צו וואונען מעהר מיט איהר מאן דאדורך ברענגט זי דעם קרבן און וואונט ווייטער מיט איהר מאן, אזוי אויך די יודען ווען זיי האבען נעבעך צרות זענען זיי מורד אין איבערשטען, נאר ווי זיי טהון תשובה ווערט צווישען זיי און צווישען דעם הימעל צוריק שלום

אויך האט ער געטייטשט ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת, דיין שטוהל זאל געגרונדעט ווערען מיט חסד און זאלסט אויף איהר זיצען מיט אמת. אבער ווען די גרונדעסט נישט דיין שטוהל מיט חסד, זיצט די אויף איהר נישט מיט אמת כביכול, וויל די ביסט גוזר און דער צדיק איז עם מבטל

ווען ער איז געווארען רב אין בערדיטשעוו האט ער אויסגערעדט מיט די דאזארעם פון שטאדט, אז מען זאל איהם נישט מטריח זיין צו קומען אויף יעדע אסיפה. נאר ווען זיי וועלען געהן מתקן זיין א נייע תקנה אין שטאדט. איינמאל האט מען איהם פערבעטען אויף א אספה איינצופיהרען א נייע תקנה אין שטאדט. ווי דער צדיק איז געקומען אויף די אספה האט ער זיי געפרעגט וואס איז דאס די נייע תקנה וואס זיי ווילען איינפיהרען, האבען זיי איהם געזאגט אז זיי ווילען אונטערברענגען דאס וואס די ארעמע לייט געהן ארום אויף די טהירען בעטלען נדבות, נאר מען זאל מאכען א שטאדט פושקע און

און מען זאָל יעדען אָרעמאַן צאָהלען חודש־געלד. ווי ער האָט דאָס געהערט האָט ער געזאָגט מיט פערדרוס צו די דאָזאָרעם: „איך האָב דאָך מיט אייך אויסגערעדט אַז איהר זאָלט מיך ניט רופען ווען איהר מאַכט אַ אספה וועגען אַ אַלטע תקנה”. אויף דעם האָבען זיי איהם געענטפערט: „רבי מיר ווילען דאָך איינפיהרען אַ נייע תקנה וואָס ביז איצט האָט נאָך אַזוינס ניט עקזיסטירט”. דער צדיק האָט זיך איראָניש אויסגעלאַכט און געזאָגט: „איהר האָט אַ טעות, דאָס איז שוין אַ זעהר אַלטע תקנה וואָס האָט נאָך עקזיסטירט אין סדום, מען זאָל אַ אָרעמאַן ניט לאָזען אַרומגעהן אויף די טהירען, אַזוי ווי עס איז בעקאַנט די מעשה פון דעם מעדיל וואָס האָט אַ בעטלער געגעבען אַ שטיקעל ברויט, האָבען זיי די מענטשען פון סדום אויסגעשמירט מיט האָניג און זיי אַ ניעדער געלייגט פאַר די ביענען”. און דער שאַרפער ענטפער האָט געווירקט, און מען האָט די נייע אכזרישע תקנה ניט בעשטעטיגט.

אַ אַפּיקורס האָט אַמאָל געטשעפעט דעם בערדיטשעווער רב, אַז די גרויסע תנאים האָבען אויך געהאַט גרויסע טעותים, אַזוי ווי דער תנא רבי עקיבא האָט אַ טעות געהאַט אין בר־כוכבא'ן אַז ער איז משיח און ער האָט איהם נאָכגעטראָגען זיינע קליידער (עי' בס' מאזני צדק משקל י'). אויף דעם האָט איהם דער בערדיטשעווער געענטפערט אַ משל.

— עס איז געווען אַ קייזער וואָס האָט געהאַט אַ בן יחיד וואָס ער האָט איהם געליעבט ווי זיין אויג אין קאָפּ. פּלוצלינג האָט דער זוהן זיך צו געחאַפּט צו ניט פרישע עסענס און איז זעהר געפעהרליך קראַנק געוואָרען. מען האָט געבראַכט די גרעסטע פּראָפעסאָרען פון די גרעסטע שטעדט און זייערע מעדיצינען האָבען גאָרניט געהאָלפען מען האָט געמאַכט אַגרויסע קאָנסיליע פון פערשיעדענע דאָקטוירעם, און איינער פון זיי האָט געזאָגט, אַז מען זאָל אויסשמירען אַ לייליך מיט זעהר אַ שאַרפע זאַלב און מען זאָל דעם קראַנקען איינהילען נאַקעט אין דעם לייליך, און ער זאָל אַזוי ליגען אַ גאַנצע נאַכט. און דאָס וועט אין איהם אויסטרייבען די שלעכטע באַקצילען פון זיין קראַנקהייט. אויף דעם האָט דער צווייטער דאָקטאָר פּראָטעסטירט, און האָט ערקלעהרט אַז דער קראַנקער איז צו שוואַך און ער וועט ניט קאָנען אויסהאַלטען די גרויסע שמערצען וואָס די זאַלב וועט איהם פערשאַפען. דער דריטער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז די רפואה געפעהלט איהם זעהר גוט נאָר מען זאָל דעם קראַנקען געבען שלאָפ־געטראַנק אַזוי אַ דאָזע אַז ער זאָל שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט און ניט פיהלען די שמערצען. אויף דעם האָט זיך אָנגערופען דער פערטער דאָקטאָר אַז דער קראַנקער האָט זעהר אַ שוואַך הערץ און אַזוי אַ דאָזע שלאָפגעטראַנק קען איהם אין דעם גרעסטען געפאַהר ארייני

ברענגען

ברענגען. דער פינפטער דאָקטאָר האָט געגעבען די בעסטע עצה, אַז דאָס לייַלעך מיט די זאַלב איז אַ גאַנץ גוטע רפואה, און דאָס שלאָפגעטראַנק געפעלט איהם זעהר גוט, נאָר מען זאָל איהם געבען דעם שלאָפגעטראַנק אין קליינע דאָזעס. ער וועט שלאָפען צוויי שעה און זיך אויפכאַפּען, און ווי ער וועט שרייַען פיהלענדיג די שמערצען זאָל מען איהם צוריק אייַנשלעפען אויף צוויי שעה, ביז ער וועט איבערקומען די גאַנצע נאַכט בשלום. מ'האָט אַזוי געטהון און דער חולה איז פון די רפואה געזונד געוואָרען.

אַזוי אויך ווי דער רבונו של עולם האָט דערזעהן אַז זיין בע=ליעבט פאָלק ישראל'ס נשמה איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען, און די אַלע רפואות וואָס זיינע גרויסע הייליגע דאָקטוירים האָבען איהם געגעבען קאָנען איהם נישט העלפען, האָט ער געמאַכט אַ קאָנסוליע מיט די פמליא של מעלה, און עס איז געבליבען אַ מ'זאָל דעם יוד אַרייַנוואַרפען אין פינסטערן גלות אַריין, נאָר אַזוי ווי זיין הערץ איז צו שוואַך און ער וועט נישט קאָנען אויסהאַלטען די צרות און רדיפות זאָל מען איהם אייַנשלעפען אין אַ שרעקליכען יאוש, נאָר יעדע צוויי דריי שעה איהם אויפוועקען מיט אַ תקוה פון אַ פאַלשען משיח און איהם צוריק אייַנשלעפען ביז די גאַנצע נאַכט פון גלות וועט אַריבער בשלום אוז דער אמת'ער משיח וועט ערשייַנען. און צוליעב דעם פערבלענדעט דער הימעל אויך די אויגען פון די גרויסע געטליכע מענטשען ווי דער הייליגער תנא רבי עקיבא אַז זיי זאָלען אַ טעות האָבען און מיינען אַז דער משיח השקר ווי בר כוכבא איז אַ אמת'ער משיח, און נאָכדעם אַליין דערזעהן זייער טעות.

אין דעם בערדיטשעווער צדיק'ס צייט האָט מען געזאָגט אויף אַ יודישען כלל=טהוער וואָס האָט געהאַט פראַקטיקע ביי די גרעסטע הויכגעשטעלטע מענטשען אַז ער וועט ברענגען די יודישע גאולה, חאָטש דער עסקן איז געוועזען זעהר ווייט פון יודישקייט. אויף דעם האָט דער בערדיטשעווער פראָטעסטירט מיט אַ טייַערן משל. עס איז געוועזען זעהר אַ גרויסער מיליאָנער וואָס האָט נישט געהאַט מעהר ווי אַ אייַנציגע טאָכטער אַ יפת תואר און אַגרויסע מלומדת, און האָט פאַר איהר געזוכט אַגרויסען און רייַכען שדוך. נאָר זיינס אַ ידיד האָט איהם ערקלעהרט אַז ער זאָל בעסער נעמען פאַר איהר אַ חתן פון אָרעמען שטאַנד, ווייל אַ רייַכער חתן וואָס איז ערצויגען אין אַ רייַך הויז און געוואוינט מיט די רייַכסטע תענוגים וועט זיך גאָרנישט מאַכען פון זיין מחותנ'ס רייַכטהום, און פאַר דעם מינדעסטען וועט ער זיין טאָכטער שלעכט בעהאַנדלען. אָבער דער אָרעמער חתן וועט שטענדיג וויסען צו שעצען די רייַכע פרוי וואָס איהרע עלטערען האָבען איהם אַזוי גליקליך געמאַכט און זי וועט ביי איהם שטענדיג וויסען פון אַ גוט און זיס לעבען.

די עצה האט דעם מיליאנער זעהר געפאלען און ער האט זיין בת יחידה חתונה געמאכט מיט א ארעמען בחור און האט זיי נאך נעגעבען אגרויס פערמעגען מיט כל טוב. עס איז אוועקגעגאנגען א צייט האט ער זיין ווייב נערעדט גראבע ווערטער, און זי נישט גוט בעהאנדעלט. זי איז אהיים נעגאנגען צו איהר פאטער מיט א געוויין, און פאר איהם געביטערט אז ער בעהאנדעלט זי זעהר נעמיין. דער פאטער האט אויף איהם אויסגעגאסען זעהר א פייערדיגען צארן און האט איהם ארויסגעווארפען. נאר ער האט פערשטאנען צו בעטין זיין רייכען שווער אז ער זאל איהם דאס מאל פערצייהען, און ער האט איהם צוגעזאגט אז דאס צווייטע מאל וועט דאס שוין נישט פארפאלען. זיי האבען זיך געלאזט איבערבעטין און עס איז געווארען שלום. עס האט לאנג נישט געדויערט איז די טאכטער ווידער אהיים געקומען צום פאטער מיט א יאמערליך געוויין, אז איהר מאן האט זי געשלאגען און ער גיעט איהר נישט קיין גוט ווארט. דער פאטער האט איהם ווידער ארויסגעווארפען מיט גרויס כעס. נאר ער האט געפאדערט פון דעם שוועהר דאס פערמעגען וואס ער האט איהם געשענקט. דער שוועהר האט איהם געענטפערט: „דאס פערמעגען האב איך דיר נאר געגעבען ווען מיין טאכטער וועט זיין ביי דיר א גע-שעצטע פרוי, אבער ווען די ווייסט נישט צו שעצען מיין קינד, געהער דאס פערמעגען נישט דיר".

דער רבונו של עולם האט געהאט די תורה אלס בת יחידה, און האט מיט איהר געוואלט טהון א שדוך מיט עשו'ן און ישמעאל'ן און נאך אנדערע רייכע פעלקער. האט איהם משה רבנו עליו השלום געזאגט: „רבונו של עולם, זאי דיך נישט משדך מיט די פעלקער, וועיל דיין בת יחידה וועט ביי זיי נישט גוט בעהאנדעלט ווערען, וועיל דעם נדן וואס די גיעסט איהר, ארץ ישראל. שפיעלט ביי זיי קיין ראליע נישט, וועיל זיי האבען גענוג לענדער און פערמעגענס. איך האב א ארעמען בחור אין מצרים וואס הייסט ישראל, ביי איהם וועט דיין טאכטער וויסען פון זעהר א גוט לעבען, און דיין נדן, דאס הייסט ארץ ישראל וועט ביי איהם זעהר אגרויס חשיבות האבען". דער פאטער אין הימעל איז אויף דעם מרוצה געווארען, און האט דעם שדכן משה'ן נעגעבען זיין פאלמאכט אויסצופיהרען דעם שדוך, און די ארעמע יודען האבען נענומען די תורה פאר א פרוי. דאס ערשטע מאל האבען זיי די רייכע תורה שלעכט בעהאנדעלט און זי האט געוויינט פאר איהר פאטער אין הימעל, האט ער זיי פערטריבען נאך בבל. נאר ווי זיי האבען איהם געבעטען און צוגעזאגט אז זיי וועלען שוין וויסען ווי זי צו בעהאנדלען, האט ער צווישען זיי שלום געמאכט, נאכדעם האבען זיי זי נאך שלעכטער בעהאנדעלט, האט ער זיי ווידער ארויסגעטריבען פון זיין פאלאסט, נאר זיי שרייען און ווילען ארץ ישראל אהן די

תורה

תורה, אויף דעם ענטפערט זיי דער אין הימעל: „ארץ ישראל, דאס הייסט מיין טאכטער'ס נדן, האב איך אייך נאר געגעבען דאמאלס, ווען איהר וועט גוט לעבען מיט מיין תורה, אבער ווען איהר בעהאנדעלט מיין בת יחידה זעהר שלעכט, ווי קומט איהר צו פאדערן ארץ ישראל".

דער בערדיטשעווער צדיק האט אמאל ערקלעהרט ביי זיין זאגען די תפלה: ותן לכל איש די מחסורו כו'. (גיב יעדען מענטש גענוג וואס עס פעהלט איהם). ולא יצטרכו עמך ישראל זה לזה ולא לעם אחר. (און דיין יודיש פאלק זאלען נישט בעדארפען איינער צום צווייטען און נישט צו א אנדער פאלק). און ער האט געשריגען אויפ'ן קול: „איך פערשטעה דאס נישט, וואס קאן דען דאס שאדען ווען פרעמדע גוים קומען אין א יודיש געוועלב אריין קויפען סחורה און מען פערדינט ביי זיי א שפארע מטבע, נאר דער מיינונג פון די תפלה איז, אזוי ווי מען משפט דעם יוד אין הימעל און מען זעהט אז ער איז זינדיג, דאמאלס שטעלט דער אייבערשטער אקעגען נאך א גרעסערן זינדיגען וואס ער זעהט אוים ווי א צדיק נעגען איהם און ער נעהט ארוים זכאי, און ווען דאס גאנצע יודישע פאלק איז חלילה זינדיג, שטעלט דער אייבערשטער אקעגען א אנדער זינדיג פאלק וואס דאס יודישע פאלק זעהט נעגען איהם אוים ווי א צדיק און ער געהט ארוים זכאי. און דאס בעטען מיר אז די יודען זאלען זיין צדיקים אז זיי זאלען נישט געברויכען איינער צום צווייטען און נישט צו אנדערע פעלקער, אז מיט דעם זאלען זיי ארויסגעהן זכאי, נאר זיי זאלען פאר זיך אליין זיין זכאי אהן א קעגען שטעלען נאך גרעסערע זינדיגע פאר זיי".

אויסער דעם בערדיטשעווערס ארבייט וועגען די יודישע נשמות און זיין זעהן זיי זאלען האבען א דבקות צום אייבערשטען, האט ער שטענדיג מתפלל געוועזען אז אויך די יודישע קערפער זאלען האבען זייערע הצטרכות און זיי זאלען חלילה נישט וויסען פון דעם ביטערן עניות וואס איז מעביר מדעת קונו רחמנא ליצלן. און חאטש די הייליגע גמרא זאגט אין חגיגה דף ט' ע"א אז דער בורא ית' האט נישט געפונען אזוי א גוטע זאך פאר יודען ווי דאס עניות, פונדעסט-וועגען האט ער פערגאסען טייכען מיט הייסע טרערען און פיינערדיגע תפלות אז יודען זאלען בעסער זיין עשירים, און מעהר נוטה געוועזען צו די גמרא אין עירובין דף מ"א ע"ב אז עניות פיהרט מענטשען אוועק פון יודישקייט, און עס ברענגט אז יודען זאלען נישט האבען קיין אחדות, אזוי ווי רש"י הקדוש שרייבט אין פרשת מקץ אויפ'ן פסוק יפות מראה. און ער פלעגט שטענדיג ערקלעהרען אין זיינע דרשות אז דער פונדאמענט פון די יודישע גאולה, איז נאר דאס אמת'ע אחדות, און ער פלעגט אפט שרייען צום הימעל מיט דעם לשון:

רבונו

„רבונו של עולם, די אלע אותיות פון דיין הייליגע תורה זענען די נשמות פון דיין יודיש פאלק. ווען די תורה איז גאנץ טאר מען נישט אין איהר אויסמעקען קיין אות, אבער ווען די תורה איז צו מיילט אויף חומשים איז קיין איסור נישט אויסצומעקען אין איהר א אות, אזוי אויך ווי די יודען האבען אחדות ברוך דער קטיגור נישט פארען אויסמעקען פון זיי קיין זאך, און זיי לאזען עקזיסטירען".

איינמאל האט מען איהם ערווארטעט ערב יום כפור אין מקוה אז ער זאל זיך קומען טובל זיין, און ער האט זיך זעהר פערשפעטיגט מעהר ווי יעדעס יאהר. דער עולם האט געפרעגט איינעם פון זיינע לייבמענטשען די סבה פון דעם, האט ער זיי ערצעהלט, „אז נישט לאנג האט זיך איינער פאר איהם מתנצל געוועזען אז זיין ווייב איז א מורדת און זי וויל נישט געהן טבילה. ער האט געלאזט רופען די פרוי און איהר צו מוסר'ן. נאר זי האט זיך מיט טרערען פערטיידיגט: „פאר וואס זאל איך יא געהן טבילה, ווען דער אבורישער מאן גיעט מיר מיט די קינדער קיין פרוטה נישט". ער האט גערופען דעם מאן און האט איהם אנגעזאגט אז אויף איהם ליגט א חוב מפרנס צו זיין זי מיט די קינדער, און ער האט צווישען זיי שלום געמאכט, נאר אזוי ווי דער רבי האט געזעהן מיט זיין רוח הקודש אז דאס יאהר וועט זיין א הונגער יאהר, האט ער אין די היים מתפלל געוועזען און געזאגט צום איבערשטען, אז ער וועט אויך נישט געהן טבילה פאר דעם הייליגען יום כפור, ביז ער וועט איהם מבטיח זיין אז ער וועט זעהן מפרנס צו זיין זיינע קינדער, און מ'האט איהם דאס צו געזאגט, און ער איז דאמאלס געגאנגען אין מקוה אריין". און ווען ער איז אהיימגעגאנגען פון מקוה האט ער איינגעטייטש די גמרא אין פסחים דף קי"ט. „זויבט דעם מלך וואס מען איז איהם מנצח און ער פרייד זיך אויף דעם"

אויך פלעגט ער אפט זאגען: „רבונו של עולם, פאר וואס זאלסט זיי זיך נישט פיהרען ווי א געוועהנליכער בעל־הבית. איך האב געזעהן ווי א געוועהנליכער בעל־הבית האט אמאל אראבגעלאזט אויף די ערד דעם תפילין של ראש, האט ער זיך איינגעבוינגען אויף די ערד און האט עס אויפגעהויבען און געקושט. און דיין הייליג פאלק ישראל וואס איז דיינע תפילין, האסט די שוין אזוי פיעל יאהרען אראבגעלאזט אויף די ערד, און די זעהסט ווי מען טרעט אויף זיי און מען איז זיי שרעקליך מבזה, און די הייבסט זיי נישט צוריק אויף".

ער האט אמאל דערזעהן ווי א בעל עגלה שטעהט אנגעטהון ציצית און תפילין און שמירט די רעדער פון וואגען, האט ער מיט התלהבות אויפגעהויבען זיינע הענד צום הימעל און געזאגט: „זעה נאר רבונו של עולם וואס פאר א הייליג פאלק די האסט, אז ווען זיי

שמירען

שטערען די רעדער נעהען זיי אויך אנגעטהון טלית און תפילין"

איינמאל ראש השנה פאר די שמונה עשרה האט ער אנגעהויבען צו זינגען מיט גרויס התלהבות די ווערטער: "דרי מעלה עם דרי מטה יפחדון וירעדון מאימת שמך. (די איינוואוינער פון הימעל און די איינוואוינער פון די ערד ציטערן און אנגסען פאר דיין פירכטליכען נאהמען). דרי תהום עם דרי שאול ירעשון וירגזון מאימת דיניך (די וואס וואוינען אין תהום און די וואס וואוינען אין גרוב ציטערן און שרעקען פאר דיין פירטליכע דעקרעטען). אבל צדיקים ממקום גן עדן ירננו ויזמרו לשמך. (אבער די צדיקים פון ארט ווי דער גן עדן זינגען און לויבען דיין נאהמען). לכן אני לוי יצחק מבערדיטשוב באתי לפניך בתפלתי ובבקשתי. (דאדורך בין איך לוי יצחק בערדיטשעווער גע־קומען פאר דיר מיט מיין געבעט און פערלאנג). מה לך אצל ישראל (וואס האסט די צו יודען). דבר, צו ועמען רעדסט די, אל בני ישראל, (צו, די יודען). אמור, צו וועמען זאגסט די, אל בני ישראל (צו די יודען). צו, וועמען געביטסט די את בני ישראל. (די יודען). כה תברכו, וועמען הייסט די בענטשען, את בני ישראל. (די יודען). איבער דעם פרעג איך דיך, מה לך אצל ישראל (וואס האסט די צו יודען), הלא יש לך כמה כשדים פרסיים ישמעאלים מדינים. (די האסט דאך וויפיעל קאלדעער פערסיאנער טירקען און מדינים), מה לך אצל ישראל (וואס ווילסט די פון יודען), אלא מאי מוז נעדרינגען זיין אז חביבין ישראל שנקראו בנים למקום ברוך הוא. (אז די יודען זענען בעליבט, אז זיי רופען זיך דעם איבערשטענס קינדער)".

אזוי א שטארקער מלמד זכות אויף די פערצייטישע און היינטיגע יודען ווי דער בערדיטשעווער צדיק איז געוועזן געפונט מען נישט צווישען אלע צדיקים, אויך אויף די ערטער ווי די חכמי הגמרא זענען מלמד חוב פיהרט עס דאס צו א זכות. צו בייששפיעל דאס וואס שטעהט אין ספר עבודת ישראל (דרושי שבועות) אויף דעם פסוק ויוצא משה את העם לקראת האלקים מן המחנה, (משה האט ארויסגעצוינגען דאס פאלק געגען גאט פון די מחנה). עס שטעהט אין מדרש, אז אין דעם טאג פון מתן תורה האבען די יודען נעוואלט שלאפען אין די פריה און זייער שלאף איז זיי זיס געוועזן, ביז משה רבנו האט זיי אויפגעוועקט. זאגט דער גאון און צדיק הרב רבי לוי יצחק זכרונו לברכה, חלילה צו טראכטען אויף דעם הייליגען פאלק אז זיי זענען ארייגעפאלען אין פוילקייט און שלאף אין דעם הייליגען טאג וואס זיי האבען געוויסט אז דער איבערשטער קומט זיי געבען זיין תורה. נאר זייער כונה איז געוועזן לשם שמים, ווייל פון צוויטען טאג אין סיון האבען זיי אנגעהויבען מאכען הכנות צו קבלת התורה און זיי זענען אזוי פערמאטערט געווארען אז זיי האבען זעהר געשראקען אז זיי וועלען נישט קאנען מקבל זיין די תורה מיט ריינע געדאנקען ווי עס

ברוּיכט, זײַן דורך דעם האָבען זײַ בענוּצט דעם שלאָף אַז זײַער מוּת
זאָל געשטאַרקט ווערען און זאָלען קאָנען שטעהן בײַ דעם באַרג
סיני מיט רײַנע געדאַנקען

דער הײליגער צדיק ר' ברוך מעזיבעזער זכותו יגן עלינו האָט
אײנמאָל שבת בײַ נאַכט פערלאַנגט מען זאָל איהם ערצעהלען שלעכטס
אויף דעם בערדיטשעווער רבין, דאָרט איז געוועזין אַ יונגערמאַן און
האָט איהם ערצעהלט אַז ווען ער איז געוועזין אין בערדיטשעוו ווענען
זײַנע געשעפטען איז ער צו איהם אַרײַנגעגאַנגען אין שוהל הערען זײַן
דאַווענען, און ווי ער האָט געזאָגט יוצר משרתים ואשר משרתיו כלם
עומדים כו', איז ער צו מיר צוגעלאָפען מיט אַ שטאַרקען כעס און
האָט צו מיר געשריגען ווי אַ לײב: „וואָס וועט דער מלאך מיכאל
זאָגען, וואָס וועט דער מלאך גבריאל זאָגען". און דאָס האָט אויסגע-
זעהן געגען דעם דין. אויף דעם האָט איהם דער מעזיבעזער גע-
ענטפערט: „זאָלסט וויסען אַז דער הײליגער בערדיטשעווער רבי איז
פאַר די פמליא של מעלה זעהר אַגרויסער גוטער מליץ אויף יודען, און
ער פערטײדיג זײַ שטענדיג צו שטעלין דעם כעס אין הימעל אין בײַ
דעם דאַווענען ווען מען קומט צו די ברכה יוצר אור כו' כלם עומדים
ומשמיעים, דאַמאָלס איז די צײַט וואָס די מלאכים אין הימעל ווי
מיכאל און גבריאל פערזאַמלען זיך מלמד זכות צו זײַן אויף יודען.
און דער הײליגער בערדיטשעווער רבי איז דאַמאָלס אויך אַרײַנגע-
גאַנגען אין דעם גבול פון די מלאכים מלמד זכות צו זײַן אויף
יודען. און אַזוי איז טאַקי דאַמאָלס געוועזין, און ווי ער האָט דיך
דאַמאָלס געזעהן שטעהן פאַר איהם מיט די גרויסע עבירה וואָס די
האָסט טאַקי אין דעם זעלבען טאָג געטהון וואָס ער האָט אויף דיר
קײן שום זכות נישט געקאָנט געפונען, ווײַל אַמאָל ברענגט דעם
מענטשען דאָס אָרעמקײט צו גנב'ענען אָבער די ביסט דאָך אַ רײַכער
יוד און האָסט דיך נישט געשעמט צו גנב'ענען אין גאַסטהויז אַ זילבער-
נעם לעפעל, דאַרום האָט ער געבעך געשריגען צו דיר וואָס ווען
די יודישע מליצי יושר ווי די מלאכים מיכאל און גבריאל זאָגען אויף
די זינד וואָס די האָסט געטהון, ווײַל זײַ האָבען אויף דיר קײן שום
זכות נישט". ווי דער מענטש האָט דאָס דערהערט האָט ער אָנגע-
הויבען זעהר צו ביטערן, און דער רבי ר' ברוך האָט איהם געזאָגט
אַז ער האָט קײן כפרה נישט ביז ער וועט געהן צום בערדיטשעווער
צדיק און איהם בעטין אַז ער זאָל איהם געבען אַ תשובה אויף די
זינד

ער האָט אַמאָל געזאָגט בדרך צחות: „דער בורא יתברך האָט
זיך כביכול מיט אונז מתחתן געוועזין און האָט געזאָגט והייתם לי
סגולה (איהר זענט מיר ליעב), ווײַל מיר זענען מיוחסים, קינדער פון
אברהם יצחק און יעקב, און דו גאָט ווער איז דײַן פאָטער. האָסט

דו דען א פּאָטער אַ יחסן נאָר דו האָסט דיך פאַרגעשטעלט אַז די בּיסט רייך מיט געלד אַזוי ווי עס שטעהט לי הכסף ולי הזהב נאום ה' (איך האָב דאָס זילבּער און איך האָב דאָס גאָלד, נאָטס רייד), און איצט גיעב דאָס געלד וואָס די האָסט דיך מתחייב געוועזין".

אַמאָל איז געקומען אַ סוחר נאָך בּערדיטשעוו מאַכען אַ געשעפט און האָט אויף זיין פוהר מיט גענומען אַ אָרעמען יוד וואָס האָט געוואָלט בּעטען דעם בּערדיטשעווער צדיק אַז ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין. דער סוחר האָט געזאָגט צו דעם אָרעמאַן אַז ער זאָל שנעלער געהן צום רבין ווייל ער רעכענט שוין צוריק צו פאָהרען. דער אָרעמאַן איז אַריינגעגאַנגען צום רבין און האָט זיך פאַר איהם מזכיר געוועזין און איהם ערצעהלט זיין שרעקליך דחקות רחמנא ליצלן. דער רבי האָט דאָס גוט אויס געהערט און האָט איהם געהייסען וואַרטען אַ טאָג ער האָט איהם ערקלעהרט אַז ער האָט נישט קיין געלד צו בּעצאָהלען פאַר'ן צוריק פאָהרען, נאָר דער סוחר וואָס האַלט שוין צוריק צו פאָהרען נעמט איהם בּחנם מיט אויף זיין פוהר. האָט איהם דער רבי געענטפערט: „וואָס קאָן איך טהון ווען איך האָב שוין אַריינגענומען אין מיין הערץ אַ אַנדערנס צער. אַזוי ווי דער אין הימעל וועט העלפין דעם וואָס איך פיהל איצט זיין צער, דאַמאָלס וועל איך האָבען אַ לייִדיג הערץ אַריינצונעמען דיין צער, און זעהן אַז דער בּורא יתברך זאָל דיר אויך העלפין, און ער העלפט מיר נאָר דאַמאָלס ווען איך פיהל יענעמס צער נישט ווענינער ווי יענער אַליין".

אין די יונגע יאָהרען איז דער בּערדיטשעווער צדיק געוועזין אין די שטאָדט קראָלי אין אונגאַרען, און דאַמאָלס איז דאָרט געוועזין רב דער גאון רבי משה ארי' זכרונו לברכה וואָס דער נודע ביהודה בּרענגט איהם (תנינא חלק אורח חיים סי' קי"ג), און דער צדיק איז אַריינגעגאַנגען אין זיין בּית־המדרש און האָט זיך געוואָלט מיט איהם דערקאָנען, נאָר דער רב האָט זיך פון איהם מתרחק געוועזין, ווייל ער איז געוועזין פון די מתנגדים וואָס האָבען געהאַלטען די חסידים פאַר אַ מין געפעהרליכע כתה. נאָר זיין ווייב די רביצין האָט זוכה געוועזין צו דערקאָנען דעם בּער י.שעווער פאַר אַ געטליכען מאַן, אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין בּרכות דף י' אַז אַ פרוי דער־קאָנט מעהר די אורחים ווי דער מאַן, דאַדורך האָט זי צו איהם געבּרענגט איהר זייגעדיג קינד ר' יונתן בּנימין (וואָס איז נאָכדעם געוועזין רב אין טשענגער) אַז ער זאָל איהם בּענטשען, און ער האָט איהר מרמז געוועזין מיט זיינע ווערטער אַרין וואָס עס וועט זיך פאַסירען מיט דעם קינד בּיז זיין ענדע, און ער האָט נישט אין זאַך געפעהלט. וואָס אויך אין דעם האָט מען געזעהן אַז ער בּעזיצט אַ רוח הקודש.

דער הייליגער רבי פון נעסכיז זכותו יגן עלינו וואָס איז געוועזין זיין

זיין אייניקעלם מאַן ערצעהלט, אַז ווען ער האָט זיך מיט איהם משדך געווען, האָט ער איהם געזאָגט אַז ער קאָן איהם ניט געבען קעסט מעהר ווי פיער יאָהר און אַלע האָבען דאָס זעהר בעוואונדערט, און ווי עס האָט זיך געענדיגט די פיער יאָהר איז דער בערדיטשעווער צדיק נסתלק געוואָרען. און אַלע האָבען געזעהן כחוש, אַז ער איז בעזיצען רוח הקודש און האָט געזעהן עתידות.

ווען דער הייליגער גאון רבי שניאור זלמן פון לאַדי זכותו יגן עלינו איז אַרעסטירט געוואָרען קיין פעטערסבורג דורך מלשינות, איז צו איהם אַרייַנגעגאַנגען זיין שוואָגער רבי ישראל קאָזיק און האָט איהם געפרעגט וואָס עס איז צו טהון, האָט ער געענטפערט אַז ער זאָל תיכף פאָהרען נאָך פעטערסבורג, און איין מענטש זאָל פאָהרען צום בערדיטשעווער צדיק אַז ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין. דער מענטש איז געקומען נאָך בערדיטשעוו צום צדיק און האָט ניט געוויסט ווי דער לאַדיער צדיק'ס מוטער הייסט. דער בערדיטשעווער האָט אָנגעהויבען זעהר ביטערליך צו שרייען פאַר וואָס ער האָט דאָס פערגעסען צו פרעגען. נאָך דעם האָט ער געפרעגט דעם מענטש אויב דער לאַדיער צדיק איז געוועזען בעראָשט פון דעם אַרעסט. האָט ער איהם געענטפערט אַז ער איז געוועזען זעהר צוטראָגען. האָט ער איהם ווידער געפרעגט אויב ער איז געוועזען צו טראָגען גייסטליך אָדער קערפערליך האָט ער איהם געענטפערט אַז ער איז געוועזען צוטראָגען נאָר קערפערליך ניט גייסטליך, אַבעווייז איז, אַז דעם שטיוועל האָט ער פערגעסען אָנצוטהוען און טלית און תפילין האָט ער ניט פערגעסען צו נעמען. דער בערדיטשעווער איז פון דעם ענטפער זעהר נתפעל געוואָרען און האָט געזאָגט: „דער ליטוואַק קוקט גוט״. נאָכדעם האָט ער איהם נאָך אַמאָל געפרעגט ווי הייסט די מוטער פון לאַדיער רבין. האָט ער איהם געענטפערט אַז ער האָט פערגעסען דאָס צו פרעגען, נאָר אין מיטען ווען האָט ער זיך דערמאָנט האָט ער שוין ניט געוואָלט צוריק פאָהרען, ווייל דער לאַדיער רבי האָט איהם גע-הייסען תיכף פאָהרען. אויף דעם בערדיטשעווערס טיש איז געליגען אַ חומש, און ווי ער האָט איהם געעפענט האָט זיך אויפגעטישט די פרשה מקץ דער פסוק כי יש שב״ר במצרים (אין מצרים געפונט זיך געטריידע), האָט דער בערדיטשעווער געזאָגט אַז די מוטער מוז הייסען רבקה, ווייל דאָס וואָרט שב״ר מאַכט שניאור בן רבקה, און זי האָט באמת אַזוי געהייסען. און דאָס האָט מרמז געוועזען אַז אַזוי ווי יוסף הצדיק איז אין מצרים בעפרייט געוואָרען פון זיין בלבול, וועט דער לאַדיער צדיק אין פעטערסבורג אויך אַרויס ריין פון דעם בלבול אַזוי ווי עס איז באמת געוועזען.

אַמאָל האָט איהם איינער געפרעגט אַ עצה אויף אַ שדוך, האָט ער איהם געענטפערט אַז זיין זווג זיצט נאָר אין די שטאָדט פראָג,

און

און ער האט מאקי זיך משדך געווען פון פראג, און האט גענומען א זוהן דעם הייליגען צדיק יסוד עולם רבי יחזקאל פון נישטאדט וואס א האלבע וועלט זענען צו איהם געפאהרען.

מיט דעם כח פון זיין תורה און תפלה האט ער געבראכט פיעל טובות און ישועות פאר יודען. און דער הייליגער רבי ר׳ יהושע דער זוהן פון הייליגען בעלזער רבין זכותו יגן עלינו, האט געזאגט, אז ווען דער הייליגער בערדיטשעווער צדיק האט געלייגט אין ראש השנה וה׳ פקד את שרה זענען אויפגעבינדען געווארען הונדערט פיער און אכציג עקרות וויפיעל דאס ווארט פקד בעטרעפט (ס׳ זכרון טוב).

דער בערדיטשעווער צדיק האט אמאל מלה געווען א קינד, און פאר די פריעה האט ער זיך זעהר פערטיעפט אין א וואונדערליך דבקות און האט נישט פורע געווען, אז אלע מענטשען פון ברית, האבען זיך זעהר פערוואונדערט, און זענען זעהר דערשראקען געווארען זעהענדיג אז דאס קינד איז בענוי טויט, און זיי האבען איהם געוואלט איבערהאקען זיין דבקות, נאר איידער זיי זענען צו איהם צו גע־נאנגען האט ער זיך אויפגעכאפט ווי פון א זיסען שלאף. און זעהענ־דיג אז דאס קינד האט שוין קיין רוח חיים נישט. האט ער מיט התלהבות געזאגט צום הימעל: „רבונו של עולם, אזוי ווי איך בין געווען ביי דעם קינד חותך וויל איך אויך זיין פורע״. דאס קינד האט גלייך צוריק געקריגען זיין רוח חיים, און ער האט עס פורע געווען, און עס איז פעליג געזונד געווארען.

ער האט אמאל געהאלטען שבת אין די רוסישע שטאדט מיקאלאיעוו, און דארט האט געפלאקערט א מגפה פון מאזלען צווישען קינדער רחמנא ליצלן, מען האט איהם מכבד געווען מיט סנדקאות, און ביי דעם מלה זיין דאס קינד האט ער געזאגט: „די מאזלען איז דאך אזוי א מין צרעת, און דער דין איז דאך אז מילה איז דוחה צרעת״ און פון דאמאלס אן האט די מגפה אויפגעהערט, און אלע קראנקע קינדער זענען געזונד געווארען.

און די גרויסע גוטע יודען ערצעהלען, אז דער בערדיטשעווער צדיק זכותו יגן עלינו האט די נפלאות נישט בעוויזען דורך השבעות המלאכים אדער דורך די שמות הקדושים, אזוי ווי זיין תלמיד שרייבט אין סוף ספר ויכוחא רבה מיט דעם לשון: „איך האב געפרעגט מיין (בערדיטשעווער) רבין זכרונו לברכה, אויב מיר האבען רשות צו בענוצען די שמות הקדושים אדער השבעות אזוי ווי די פערצייטישע מקובלים האבען מיט זיי בעוויזען קבלה מעשיות. האט ער מיר גע־ענטפערט אז די פערצייטישע מקובלים האבען נאך געהאט דאס אש פון די פרה אדומה אזוי ווי רבי טרפון, און זיי זענען דורך דעם געווען טהורים, האבען זיי געמעגט בענוצען די השבעות און הייליגע

שמות

שמות. אָבער מיר האָבען דעם דין פון טמאי מתים (די וואָס זענען טמא אָנריהרען זיך אין אַ בר מינן), און מיר טאָרען נישט עוסק זיין אין די הייליגע זאַכען". און זיין אייניקעל דער הייליגער ר' פנחס זכר צדיק לברכה האָט פון איהם נעהאַט אַ קמיע וואָס ער האָט גע־געבען אַ חולה רחמנא ליצלן, און עס איז אין איהר נישט געשטאַנען קיין שם פון די שמות הקדושים אויך קיין נאָהמען פון אַ מלאך, נאָר די ווערטער: „לוי יצחק בן שרה סאָסיאַ האָט געזאָגט אַז דאָס חולאת זאָל אַוועקגעהן". און די קמיע האָט פיעל געהאָלפען. ער האָט די קמיע געגעבען אויך אַנדערע קראַנקע און האַלטענדיג דאָס אַ קורצע ציט זענען זיי געזונד געוואָרען.

דער הייליגער בערדיטשעווער צדיק וואָס האָט שטאַרק געגלייבט וואָס די הייליגע גמרא זאָגט, אַז דער צדיק איז גוזר און דער אייבערשטער איז מקיים, האָט ביי זיך געוויסט אַז זיין הייסע תפלה איז ווי אַ גאָלדענער שליסעל צו עפענען אַלע שערי רחמים אין הימעל און ער האָט געפּלעגט זאָגען דעם טייטש אין די גמרא ברכות: „השותה מים לצמאו אומר שהכל נהיה בדברו", (אַז איינער טרינקט וואַסער אין זיין דורשט זאָגט די ברכה שהכל כו', דאָס אַלץ איז געוואָרען מיט זיין וואָרט), אַז דער וואָס טרינקט דאָס וואַסער פון די תורה מיט דורשט, זאָגט דער אייבערשטער אַז אַלץ זאָל ווערען ווי ער זאָגט. און ר' טרפון איז מוסיף: „בורא נפשות רבות", דאָס הייסט אַז גאָט זאָגט אַז דער צדיק זאָל זיין אַ בורא נפשות, ער זאָל קאָנען מחיה מתים זיין, אַזוי ווי אליהו און אלישע.

אויך האָט דער בערדיטשעווער צדיק לויט זיין שיטה נישט גע־ברויכט צו פיהרען זיך ווי אַנדערע בעלי מופת צו בעשוועהרען די מלאכים מיט די הייליגע השבעות, ווייל ער האָט געזאָגט אַז די מלאכים האָבען קיין כח נישט משפיע צו זיין פון זיך אַליין, אַזוי ווי זיין הייליגער תלמיד שרייבט אין סוף ספר תולדות אהרן: „איך האָב געהערט פון הייליגען רבין פון בערדיטשעוו פאַר דעם גרויסען מגיד פון מעזריטש אויף דעם פסוק (איוב י"ב) אשר בידו נפש כל חי ורוח כל בשר איש. (וואָס אין זיין האַנד איז דער נפש פון יעדען לעבענדיגען און דער גייסט פון יעדען מענשליכען קערפּער), אַז וואָס עס שטעהט דאָפּעלט איז דער מיינונג, אַז דער מענטש הייסט חי, און דער מלאך הייסט כל חי ווייל אין אַלע זאַכען אפילו אין דעם מלאך געפונט זיך אויסוועגדיגסט און אינוועגדיגסט, נאָר ביי דעם מלאך איז דאָס אויסוועגדיגסט אויך גייסטליך, דאַדורך רופט ער זיך כל חי (אַלץ לעבט), אָבער דער מענטש וואָס זיין אויסוועגדיגסט איז בלויס ערד, רופט זיך נאָר חי (לעבען) אַליין, נישט כל חי. און דאָס זאָגט דער פסוק אשר בידו נפש כל חי (וואָס אין גאָטס האַנד איז דער נפש פון מלאך וואָס רופט זיך כל חי), ורוח כל בשר איש (און דער גייסט

נייסט פון מענטש). דאדורך קאנען די מלאכים נישט משפיע זיין דא אראב אויף די ערדישע וועלט, ווייל זיי האבען מיט איהר קיין התקשרות נישט, דאדורך האט דער בערדיטשעווער צדיק נישט גע- ברויכט צו בענוצען מיט די השבעות צו די מלאכים אז זיי זאלען אראב משפיע זיין א טובה, נאר די תורה איז געוועזין זיין דאקטאר- בוך, און ער האט אין איהר געפונען א עצה צו יעדע זאך און א מיטעל צו עפענען די רינעס פון די הימלישע השפעה".

אויך איז ער געוועזין א בקי אין דאקטאריי און זיינע רעצעפטען האבען פיעל קראנקע פון טויט גערעטעט, אזוי ווי דער הייליגער גאון פון בוטשאטש ברענגט אין ספר עזר מקודש (סי' ע"ו). אויך אין זיין ספר קדושת לוי פרשת בא און פרשת בלק, ברענגט ער ידיעות פון דאקטאריי און בעשרייבט ווי דער מענשליכער מוח זעהט אויס.

עס איז אמאל צו איהם געקומען א בעל עגלה און האט זיך פאר איהם מתנצל געוועזין אז אזוי ווי די פרנסה איז איהם מבטל פון צו דאווענען בצבור, וויל ער די פרנסה אוועקווארפען. דער צדיק האט איהם געפרעגט, אויב ער נעמט אויף א אָרעמאן אויף זיין וואגען בחנם. האט ער איהם געענטפערט אז יא, האט ער געזאגט: „עס שטעהט אין די הייליגע תורה ויצא יצחק לשוח בשדה, (יצחק איז געגאנגען שפאצירען אין פעלד), איז דער טייטש אז ער האט אנ- געהויבען אריינפארשען, צו וואס ניכט מענטשען וואס ברויכען פאהרען אין פערשיידענע ערטער, צו קאן זיי דען נישט דער בורא יתברך מפרנס זיין ביי זיך אין שטוב. וירא והנה גמלים באים, (ער האט געזעהן אז קעמלען קומען אן), גמלים הייסט קאמפאניעס וואס רייזען אין וועג, און צו ליעב די קאמפאניעס האט דער אין הימעל דעם געמאכט פאר א בעל עגלה אז ער זאל די וועג-מענטשען פיהרען וואו זיי געברויכען".

אזוי ווי דער טרייער דאקטאר איז מקרב דעם חולה און וויל איהם ערנסט געזונד מאכען, האט דער בערדיטשעווער צדיק מקרב געוועזין זינדיגע מענטשען און ער האט זיי מחזיר למוטב געוועזין, אזוי ווי זיין הייליגער תלמיד שרייבט אין ספר תולדות אהרן פרשת תולדות: „עס איז א כלל אז אמאל ברויכט דער צדיק מקרב צו זיין רשעים מעהר פאר כשר'ע מענטשען, ווייל ווען מען וועט דעם רשע לאזען געהן פון ווייטען וועט ער פערלוירען ווערען אין זיין רשעות, אבער ווען מען איז צו פיעל מקרב דעם ערליכען יוד. קאן ער נאך פון דעם קריגען גאות. און אזוי פלעגט זיך פיהרען מיין הייליגער בערדיטשעווער רבי, אין האט זעהר מקרב געוועזין זינדיגע מענטשען און דורך דעם התקרבות זענען זיי צוריק געווארען כשר'ע יודען".

אויך האט ער נענעבען א מעם וואס חסידים טרינקען משקה נישט פאר דעם חולה אין די אויגען, און זייער תפלה אויף זיין געזונד

ווערט

וועֶרט דורךְ דעֶם אָנגעֶנומעֶן. מיר געֶפונעֶן בּײַ אַ סוטה, זאָגעֶן די חכמים אַז אַזוי ווי די מים המאררים זעֶנעֶן זי בּודק זעֶנעֶן זיי אויך בּודק איהר מאַן חאָטש עֶר איז ניט דעֶרבּײַ. זעֶהן מיר דאָךְ אַז משקה העֶלפט אפילו שלא בפניו. און דאָס זאָגעֶן אויךְ די חכמים אַז אַ מדה טובה פֿון אײבּעֶרשטעֶן איז מעֶהר פֿאַר אַ מדה פורעֶנית, און ווען משקה העֶלפט בּײַ אַ סוטה וואָס איז אַ מדה פורעֶנית אַ כל שכן אַז די משקה בּרויכט העֶלפעֶן בּײַ אַ מדה טובה דאָס הײסט בּײַ בקור חולים.

אויךְ איז זײַן שטײגעֶר געֶוועֶזין אויסצורוימעֶן די דעֶרנעֶר פֿון יודישעֶן גאָרטעֶן ווען עֶר איז דעֶרגאַנגעֶן אַז אײנעֶר האָט דעֶם צווײטעֶן געֶטהון שלעֶכטס במזיד, האָט עֶר אָבּגעֶווענדעֶט פֿעֶרשידעֶנעֶ מיטלעֶן אַוועֶק צו רײַסעֶן דעֶם מעֶנטש פֿון זײַן שלעֶכטעֶן וועֶג און איהם מחזיר למוטב זײַן דורךְ חכמה און מוסר. אַ קלײנעֶר מעֶקלעֶר האָט געֶזעֶהן אויפ'ן מאַרק אַ וואָגעֶן מיט סחורה און עֶס איז ניט דאָ אויף איהר קײן קונה. און אויף אַ צווײטעֶן מאַרק האָט עֶר אויךְ געֶזעֶהן אַ אַנדעֶרן וואָגעֶן מיט סחורה. און ווי עֶר האָט בּעֶטראַכט די בּײדעֶ סחורות איז איהם אײַנגעֶפאַלעֶן אַז עֶס וואָלט זעֶהר גלײַךְ געֶוועֶזין אַז די בּײדעֶ סוחרים זאָלעֶן זיךְ טוישעֶן מיט די סחורות, און יעֶדעֶר וועֶט אויף זײַן אָרט בּעֶסעֶר קאָנעֶן פֿעֶרקויפֿעֶן דעֶם צווײטעֶנס סחורה. נאָר אַזוי ווי עֶר האָט געֶוויסט אַז די סוחרים וועֶלעֶן איהם ניט האָרכעֶן ווײַל זיי קאָנעֶן איהם ניט אַלס מעֶקלעֶר, איז עֶר געֶגאַנגעֶן צו אַ גרויסעֶן בּעֶוויסטעֶן מעֶקלעֶר און האָט איהם דאָס איבּעֶרגעֶגעֶבּעֶן מיט דעֶם בּעֶדינג אַז זיי זאָלעֶן זיךְ טײלעֶן מיט'ן פֿעֶרדינסט. און ווי דעֶר גרויסעֶר האָט דאָס געֶשעֶפט געֶשלאָסעֶן, האָט עֶר דעֶם קלײנעֶם מעֶקלעֶר ניט געֶוואָלט געֶבּעֶן אַ העֶלפט פֿון פֿעֶרדינסט, און עֶר האָט איהם געֶרופֿעֶן צו אַ דין תורה פֿאַר דעֶם בּעֶרדיטשעֶווער רב, און ווי עֶר האָט ניט געֶוואָלט האָרכעֶן זײַן מוסר האָט עֶר איהם מיט התלהבות געֶזאָגט: „די זאָלסט וויסעֶן אַז איךְ בּין אויךְ ווי אַ מעֶקלעֶר צווישעֶן דעֶם אײבּעֶרשטעֶן און צווישעֶן די יודעֶן. און מײַן מלאכה איז צו פֿיהרעֶן דעֶם יודישעֶן זכות אַרויף אין הימעֶל אַרײַן און פֿון דאָרט אַראָבּ בּרענגעֶן אַ גוטעֶ השפעה. איךְ האָבּ בּײַ יודעֶן געֶזעֶהן דרײַ שלעֶכטעֶ מינים סחורה, חטאים, עונות און פשעים. אין הימעֶל האָבּ איךְ ווידעֶר געֶזעֶהן דרײַ גוטעֶ סחורות, סליחה, מחילה, כפרה, האָבּ איךְ אין דעֶם שטאַרק אַרײַנגעֶאַרבּײַט אַז דאָס זאָל געֶטוישט ווערעֶן. ווי איךְ בּין מיט דעֶם פלאַן געֶקומעֶן פֿאַר'ן אײבּעֶרשטעֶן, האָט עֶר מיר געֶזאָגט אַז איךְ זאָל פֿריהעֶר רײדעֶן מיט די יודעֶן, און ווי איךְ האָבּ דאָס אָנגעֶשלאָגעֶן די יודעֶן האָבּעֶן זיי זיךְ גאָרניט געֶוואָלט טוישעֶן, און זיי האָבּעֶן געֶטענה'ט אַז זיי זעֶנעֶן פֿון די חטאים זעֶהר צופֿרידעֶן, און דאָס איז בּײַ זיי אַ גוטעֶ סחורה. בּיז איךְ האָבּ זיי מבטיח געֶוועֶזין

אז

אַז דער רבונו של עולם וועט זיי מוסיף זיין נאָך גוטע סחורות אַבּי זיי זאָלען אַיינוויליגען אויף דעם טויש, און מיט פּועל מיהעע און מאַטער זעגען זיי בעשטאַנען. און ווי איך בין געקומען צום בורא יתברך בעטען די הוספה, האָב איך דאָרט געזעהן ליגען נאָך דריי גאַטונגען סחורות וואָס מען ברויכט זיי נישט דאָרט, און זיי רופען זיך בני, חיי, מזונא, (קינדער, לעבען, פּרנסה), און איך האָב דעם אייבערש־טען געבעטען אַז ער זאָל זיי דאָס צו געבען, און ער האָט מיר דאָס צוליעב געטהון. און אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבען אַוועק גען, האָט ער מיך גערופען און געזאָגט: „לוי יצחק, מיר געפעהלט זעהר דאָס וואָס די בעמיהסט דיך אַזוי פאַר די יודען, זאָג מיר וואָס פאַר אַ לוין די ווילסט פאַר דעם". האָב איך געענטפערט אַז איך טהו דאָס שלא על מנת לקבל פרס. ווי ער האָט דאָס געהערט, האָט ער מיר געזאָגט: „די דריי סחורות בני, חיי, מזונא, וואָס איך האָב זיי דורך דיר מוסיף געוועזען, וועלען ליגען אין דיין האַנד, די קאָנסט זיי געבען און אַוועקנעמען פון וועמען און צו וועמען די ווילסט". דאַדורך זאָג איך דיר גרויסער מעקלער, אויב די וועסט מיר איצט זיין געהאָרכזאַם גיב איך דיר חיי (לעבען), און ווען נישט וועט חלילה זיין פערקערט, ווייל די נעמסט דעם אָרעמען מעקלער אַוועק מזונא". נאָר דער גרויסער מעקלער האָט דאָס ווייטער נישט געהאָרכט און איז ביידז אַוועקגעגאַנגען, און איז באַלד זעהר געפעהרליך קראַנק געוואָרען, דאַמאָלס האָט ער געשיקט בעטען דעם היילינגען צדיק אַז ער זאָל איהם מוחל זיין און ער האָט מקיים געוועזין זיין פסק.

נאָר ווען ער האָט געזעהן אַז דער שלעכטער מענטש איז אַ קשה עורף און עס איז נישט מעגליך איהם מחזיר למוטב צו זיין האָט ער איהם מבער געוועזין פון די וועלט. דער צדיק רבי מאיר הורוויץ איז דורך דעם בערדיטשעווערס השתדלות געוואָרען רב אין שעפּס, און ווען דער בערדיטשעווער איז געקומען נאָך שעפּס, האָט ער איהם געפרעגט: „נו מאיר׳ל האָב איך דיר גוט נאַראַיעט". האָט ער איהם געענטפערט אַז אין שטאָדט איז דאָ איינער וואָס ער רודפ׳ט איהם אָהן אַ שעור און ער מסר׳ט איהם צום רעגירונג. אין דער פריה ווען דער בערדיטשעווער האָט אָנגעהויבען צו זאָגען יגדל, האָט מען איהם געזאָגט אַז דער זעלבער מסור איז אַריינגעקומען. און ווי דער צדיק האָט געזאָגט יתן לרשע רע כרשעתו, (ער גיעט דעם רשע שלעכטס לויט זיין רשעות), האָט ער מיט׳ן פינגער געוויזען אויף דעם מסור, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז ער פון די וועלט אַוועקגעגאַנגען.

אַ חסיד האָט זיך פאַר איהם מזכיר געוועזין אַז איינער האָט איהם מסיג גבול געוועזין און האָט אויסגעדינגען זיין גאָרטען ביי דעם שררה האָט ער איהם מבטיח געוועזין אַז ער וועט נישט אַריין אין דעם

גאָרטען

גאָרטען. און אַזוי איז געוועזן, אַז איידער ער איז אַריין האָט ער זיך אַליין דאָס לעבען גענומען.

זיין הייליגער תלמיד ר' אהרן פון זיטאָמיר זכותו יגן עלינו שרייבט אין ספר גאולת ישראל, אַז דער בערדיטשעווער צדיק האָט געקוקט אויף יעדענס גוף ווי אויף אַ הייליגע זאַך וואָס גאָטס נאָמען רופט זיך אויף איהר. דאַדורך פלעגט ער שטענדיג וואָרענען מען זאָל דעם הייליגען גוף נישט מחלל זיין מיט דברי חול. און אַזוי פלעגט ער אָפט זאָגען: „אַ מענטש טאָר קיינמאָל נישט טראַכטען שלעכטע מחשבות חס ושלום, ווייל דער מוח פון מענטש איז קדשי קדשים, און דאָרט ליגט דער אָרון מיט די לוחות, און מיט די שלעכטע מחשבה שטעלט ער חס ושלום אַריין אַ צלם אין היכל. נאָר דער מענטש ברויך שטענדיג טראַכטען אין תורה. אין אייבערשטענס גדלות. און יראת שמים און ווען דער צדיק הייבט אויף זיינע הענד צום הימעל אין מיטען דאַווענען מיט גרויס דבקות און התלהבות, איז אַזוי ווי אין דעם הייליגען היכל האָבען די כרובים פערשפרייט זייערע פליגעל אין דער הויך".

דער הייליגער גאון רבי אברהם דוד פון בוטשאַטש זכרונו לברכה האָט ערצעהלט, אַז ער מיט זיין הייליגען חבר פון קאָסיווע האָבין געלערינט סתרי תורה און קבלה מעשיות ביי זייער הייליגען רבין ר' משה ליב סאָסיווער וואָס ער האָט זיך געהאַלטען שטאַרק בידידות מיט דעם בערדיטשעווער צדיק, און פיעל מאָל איז איינער צום אַנדערן געפאָהרען און ווי דער בוטשאַטשער רבי האָט געזעהן דעם בערדיטשעווערס הייסע דאַווענען האָט ער געהאַט חשק צו איהם צו פאָהרען, און ער האָט געבעטען ביי דעם סאָסיווער רבין אַז ער זאָל איהם דאָס ערלויבען, האָט ער איהם געענטפערט: „עס שטעהט אין פסוק אשר כח בהם לעמוד בהיכל המלך (וואָס זיי האָבען כח צו שטעהן אין קייזערליכען פאַליץ). דרשנ'ן די חכמים אַז זיי האָבין זיך איינגעהאַלטען פון שלאָף און פון אַלע אַנדערע מענטשליכע בע=דאַרפעניששען. און איצט אין דעם דור געפונען זיך צוויי צדיקים יסודי עולם, דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשפורג, און דער בערדיטשעווער רבי ר' לוי יצחק וואָס זייערע תפלות זענען ווי הייס פייער און יעדע זאַך וואָס זיי טהון האָבען זיי דאַבייַ מסירת הנפש, דאַדורך יעדער מענטש וואָס ער ווייסט ביי זיך אַז ער קאָן זיך איינהאַלטען פון לאַכען זעהענדיג זייערע תנועות און זייערע העויות[ כיי די עבודה, קאָן צו זיי פאָהרען". הערענדיג דאָס האָט איהם דער בוטשאַטשער צו געזאָגט אַז ער וועט זיך קאָנען איינהאַלטען און נישט לאַכען. און איז אויף שבת געפאָהרען נאָך בערדיטשעוו. און ווי ער איז געזיצען שבת ביי דעם הייליגען טיש און האָט געזעהן זיינע משונה'דיגע תנועות האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט
אנגעהויבען

אָנגעהויבען צו לאַכען, און ער איז באַלד משוגע געוואָרען אַז מ'האָט איהם געמוזט אַוועקנעמען פון טיש. און תיכף נאָך הבדלה האָט מען איהם מיט אַ שומר אַהיים געשיקט נאָך קאָסעווע. און ווי דער קאָסעווער רבי האָט איהם געזעהן, האָט ער מיט תרעומות געשריבען אַ בריעף צום בערדיטשעווער רבין: „איך האָב דיר געשיקט אַ גאַנצע כלי און די האָסט מיר צוריק געשיקט אַ צובראָכענע כלי". נאָך דרייסיג טאָג איז ער צוריק געזונד געוואָרען. יעדעס יאָהר האָט ער אין די צייט געמאַכט אַ סעודת-הודאה, און האָט ערצעהלט די מעשה, און געענדיגט הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו.

דער בערדיטשעווער רבי איז אַמאָל געקומען צו הייליגען רבין ר' שמעלקא פון ניקלשפורג זכותו יגן עלינו. און ווען דער רבי ר' שמעלקא איז געשטאַנען און געדאַווענט פאַר'ן עמוד, איז דער בער-דיטשעווער געשטאַנען און געשמועסט מיט איינעם מענטשען דברי חולין ביז עס האָט דאָרט איין תלמיד פערדראָסען, און האָט צו איהם אַ געשריי געטהון: שווייג! און ווי דער רבי ר' שמעלקא האָט געענדיגט דעם דאַווענען, האָט ער דעם בערדיטשעווער געגעבען אַ ברייטען שלום עליכם און האָט איהם אויפגענומען מיט אַ פייערדיגע אהבה. דער חסיד האָט זיך פערוואונדערט און געפרעגט דעם רבין ר' שמעלקא: „היתכן אַזוי מקרב צו זיין אַ מענטש וואָס ערלויבט זיך אַרויסצוגעבען פון מויל אַזאָלכע שיחות חולין אין די צייט פון דעם דאַווענען". אויף דעם האָט איהם דער רבי ר' שמעלקא מיט אַ ליעבליך פנים געענטפערט: „די הייליגע גמרא ערצעהלט אַז רב האָט קיינמאָל אין זיין לעבען נישט געשמועסט קיין שיחת חולין. וואָס דאָס איז זעהר שווער צו לערנען אין פראָסטען פשט, נאָר די אמת'ע כונה איז, אַז אפילו זיינע ווערטער וואָס זעהן אויסווענדיג אויס ווי חולין, זענען אויך נישט געווען קיין חולין, און עס האָט זיך אין זיי געפונען גרויסע און הייליגע כונות. און דער לוי יצחק'ל האַלט שוין אויך ביי די מדרגה". און אַזוי שרייבט דעם הייליגען קאָזניצער מגיד'ס זוהן אין זיין ספר באר משה, אַז זיין פאָטער האָט געזאָגט אויף דעם בערדיטשעווער אַז ער האָט געהאַט אַ הייליגען מוח, און אַלץ וואָס ער האָט נאָר גערעדט און געטהון איז געווען מיט אַ דבקות און אַהייליג התקשרות אין אייבערשטען.

ער איז שטענדיג געווען פרייליך און אויפגעהייטערט. אַזוי ווי דער הייליגער רבי פון נעסכיז שרייבט: „און אַז די זאָלסט זיך נישט וואונדערן פאַר וואָס האָט דער בערדיטשעווער צדיק נישט אַריינגענומען ירושלים אין זיין קאָפּ און נישט זיך מצער געווען אין איהר חורבן אַזוי ווי מיר זענען לויט דין מחויב, וועל איך דיר ענטפערן אמת'ע ווערטער, אַז דער צדיק האָט חלילה נישט פערגעסען צו טרויערן אויף גלות השכינה און אויפ'ן חורבן בית המקדש. נאָר דער עיקר איז מען זאָל זיך מצער זיין אויף גלות השכינה. און דאָס האָבען נאָר בכח

די גרויסע צדיקים, און ווייל נישט יעדער געוועהנליכער מענש פֿערשטעהט דעם ענין פֿון גלות השכינה, דאדורך ערלויבט די תורה מ'זאָל זיך פֿרעהער מצער זיין אויף דעם חורבן ירושלים, און דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו קומען לשמה און פֿערשטעהן ווי צו טרויערן אויף גלות השכינה. און דאָס זאָגט אונז אָן די הייליגע תורה: זכור את אשר עשה ל״ך עמלק (געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטהון). געדענק וואָס עמלק האָט „דיר" געטהון, פֿיהל די רעות וואָס ער האָט דיר גורם געוועזין. והיה בהניח כו' תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, (ווען די וועסט האָבען מנוחה זאָלסט די אָבמעקען עמלק'ס נעדערכעניש פֿון אונטער'ן הימעל). די זאָלסט זעהן צו ווירקען אַז דו זאָלסט איהם אָבמעקען פֿאַר דעם וואָס ער האָט דיר גורם געוועזין אונטער'ן הימעל, וואָס ער האָט גורם געוועזין עס זאָל זיין אַ וואַנד צווישען אייבערשטען און צווישען יודען".

נאָך ערצעהלט דער נעסכיזער רבי פֿאַר דעם בערדיטשעווער צדיק אַז ער האָט געזאָגט: „דער מענטש ברויך נישט זיך פּייניגען מיט סגופים און תעניתים, ווייל דאָס איז אַ צורייעדעניש פֿון יצר הרע כדי זיין מוח זאָל ווערען אָבגעשוואַכט וועט ער ממילא נישט קאָנען עוסק זיין אין עבודת השם יתברך. און דאָס פֿערשטעהט מען על פּי משל, צוויי האָבען זיך געשלאָגען, האָט איינער פֿון זיי געזאָגט, אַז איך וועל איהם געבען אַ קלאַפּ אין אַ אבר וועט איהם נאָר דער אבר וועה טהון, נאָר ווען איך וועל איהם געבען אַ קלאַפּ אין מוח, וועט איהם פֿון דעם דער גאַנצער קערפּער וועה טהון, און איך וועל איהם בעזיעגען. דאדורך רעדט צו דער יצר-הרע צום פֿאַסטען, כדי דער מוח זאָל ווערען אָבגעשוואַכט, און דורך דעם וועט ער ממילא אַריינפֿאַלען אין זיין נעץ".

אין דעם ספר שפתי צדיקים פּרשת וירא ווערט געברענגט פֿאַר דעם בערדיטשעווער צדיק, וואָס ער האָט געפֿרעגט וואָס די מגילה שרייבט אויף אַזוי אַ רשע ווי המן שמח וטוב לב (פֿריילֿיך און גוט הערציג), וואָס דאָס איז אַ מדה וואָס צדיקים ווערען מיט איהר בערומט. און ער האָט געענטפֿערט אַז דאָס איז המנ'ן געקומען וואָס ער האָט גענעסען פֿון די הייליגע אסתר'ס סעודה וואָס איז געוועזין פֿול מיט קדושה וטהרה.

אויך איז ער ביי זיך געוועזין זעהר אַגרויסער עניו, אַז ווען מ'האָט איהם געמאַכט פֿאַר בערדיטשעווער רב האָט ער געזאָגט: „וועה איז צום דור אַז איך בין זיין מנהיג". און ער האָט געטייטשט דעם פסוק עיני ה' אל צדיקים. (גאָט'ס אויגען צו צדיקים), צדיקים ברויכען האָבען צוויי אויגען, מיט איין אויג צו זעהן דאָס גדלות פֿון אייבערשטען, און מיט'ן צווייטען אויג דאָס נידעריגקייט פֿון זיך אליין.

ער פלעגט זאגען, אז עס קומען פראסטע מענטשען אין סוכה אריין מוז מען זיי סובל זיין און נישט דוחה זיין, ווייל דער אייבערשטער איז אויך א סבלן און א נושא עון, און לעתיד ווען די צדיקים וועלען זיצען אין די סוכה פון לויתן און נהנה זיין מזיו השכינה, וועל איך מיך אויך אריינרייסען, און ווען איינער וועט מיך וועלען פון דארט ארויסווארפען, וועל איך איהם זאגען, אז אין מיין סוכה זענען אויך געזיצען מגושמ׳דיגע מענטשען און איך האב זיי סובל געוועזען (שפתי צדיקים).

עס שטעהט אין ספר שמועות טובות, אז א פראסטער מענטש האט זיך צוגעוואוינט צו זיצען ביי דעם בערדיטשעווערס טיש. און זיינע תלמידים האבען דאס נישט געקאנט פערטראגען און האבען איהם געוואלט אבזאגען, האט זיי דער צדיק געענטפערט אז: „לעתיד ווען מען וועט זיצען צו זאמען מיט די זיבען יודישע פאסטוכער (סוכה דף נ״ב), און די סעודה וואס דער אייבערשטער וועט מאכען פאר די צדיקים (פסחים דף קי״ג), און ווען מיר וועלען ארויסווארפען דעם עם הארין וועלען די צדיקים מיך עם הארין אויך ארויספיהרען מיט בושה פון זייער טיש, ווייל געגען די צדיקים בין איך אויך נישט מעהר ווי א עם הארץ חאטש איך בין דער בערדיטשעווער רב״.

טאג טעגליך האט ער מיט זיך געמאכט א חשבון, און ביי נאכט איידער ער איז איינגעשלאפען האט ער גוט מפשפש געווען אין זיינע מעשים וואס ער האט אין דעם פערגאנגענעם טאג געטהון, און האט מדקדק געוועזען אין זיינע מעשים כחוט השערה, און ווען ער האט אין זיך געפונען דעם מינדעסטען פגם, האט ער גלייך געטהון תשובה און געזאגט: „לוי יצחק וועט שוין דאס מעהר נישט טהון. לוי יצחק נאכטען האסט די דאך אויך דאס צוגעזאגט, נאכטען האב איך נישט געזאגט אמת און היינט זאג איך שוין אמת״.

ער איז אמאל געוועזען יום כפור אין לעמבערג, מוצאי יום כפור זיצענדיג אין די אכסניא האט מען איהם געבעטען אז ער זאל עפעס טועם זיין, און ער האט נישט געוואלט זאגענדיג אז דאס הערץ טהוט איהם וועה. זיי האבען איהם אנגעהויבען צו ברענגען פערשיעדענע משקאות וואס בערוהיגען דאס הערץ, און ער האט דאס אויך נישט געוואלט טרינקען. צום סוף איז מען דערגאנגען אז זיין הערץ טהוט איהם וועה, ווייל עס איז שוין זעקסאונצוואנציג שעה וואס ער האט קיין גמרא נישט געלערינט, און מען האט איהם דערלאנגט א גמרא ראש השנה, און ער האט זיך פערשלאסען אין חדר און האט א גאנצע נאכט דארט געלערינט.

זיין זוהן דער הייליגער גאון ר׳ מאיר זכרונו לברכה שרייבט אין די הקדמה פון ספר בתר תורה. „די גאנצע וועלט ווייסט וויפיעל

פיזענדער

טויזענדער תלמידים מײַן הײליגער פאָטער האָט מעמיד געוועזן, און ער האָט מיט זײַ געלערינט גמרא פוסקים תשובות, און הערענדיג זײַן לערנען האָבען זײַ געקריגען התלהבות צו עבודת הבורא יתברך"

## די גרעסטע פון זיינע טויזענדער תלמידים זענען געוועזן די ניין, וואס די גאנצע וועלט קלינגט מיט זייער חסידות און מיט זייער תורה.

א) דער הײליגער רבי ר' אהרן זכרונו לברכה וואָס איז געוועזין מגיד אין זיטאָמיר, און האָט מחבר געוועזין דעם ספר תולדות אהרן אויף תורה.

ב) דער הײליגער גאון רבי אברהם דוד וואָס איז געוועזין רב אין בוטשאַטש. און ער ערצעהלט אין ספר עזר מקודש אויפ'ן אבן העזר (סימן ע"ו) דאָס גדלות פון בערדיטשעווער רבי.

ג) דער הײליגער גאון אין מופת הדור רבי ישראל וואָס איז בעוואוסט מיט'ן נאָמען דער קאָזניצער מגיד זכותו יגן עלינו. נאָר פיעל מאָל האָט ער זיך נישט אויסגעגעבען אז ער איז זײַן תלמיד, ווײַל די מקובלים האָבען געזאָגט אז דער בערדיטשעווער צדיק איז געוועזין די נשמה פון תנא רבי עקיבא, און זײַנע תלמידים זענען געשטאָרבען אין זײַערע יונגע יאָהרען.

ד) דער הײליגער רבי ר' אברהם מרדכי פון פינטשעוו זכרונו לברכה, דער שווער פון גרויסען צדיק רבי י"א פון קאמארנא זכותו יגן עלינו.

ה) דער הײליגער גאון רבי משה פון סאַבראַן זכרונו לברכה. וואָס די וועלט ערצעהלט פון איהם נפלאות.

ו) דער צדיק יסוד עולם רבי יוסף פון נעמרוב זכרונו לברכה, דער מחבר פון ספר ויכוחא רבה, וואָס האָט געהאַלטען ויכוחים מיט דעם ווילנער גאונ'ס תלמידים און האָט זײַ געוויזען דאָס הײליגקײט פון די חסידישע וועגען.

ז) דער הײליגער רבי ר' ישכר בער זכרונו לברכה, דער מחבר פון ספר זכירה.

ח) דער הײליגער פּוסטינער רב רבי חיים יוסף זכרונו לברכה, דער מחבר פון ספר תוספות חיים אויף תורה.

ט) דער הײליגער רבי ר' הירש חסיד פון יאַמפּאָל זכותו יגן עלינו, דער מחבר פון ספר אמרי צדיקים.

דער הײליגער רבי פון נעסכיז ערצעהלט, אז דער הײליגער צדיק ר'

ר' אהרן פון זיטאָמיר איז פריהער געוועזען דעם ווילנער גאון'ס תלמיד נאָר ווי ער האָט געהערט דאָס צדקות פון בערדיטשעווער צדיק און ווי גרויס און הייליג זיין ישיבה איז, איז ער צו איהם געפאָהרען און האָט אָנגעהויבען ביי איהם צו לערנען, און ער האָט איהם גע־געבען דעם פינפטען פלאַץ פון איהם חאָטש ער איז שוין דאַמאָלס געוועזען מעהר למדן פאַר די תלמידים וואָס זענען געזיצען פאַר איהם ווייל ער האָט געזאָגט אַז כל זמן ער וועט נישט ווערען אויסגעלייטערט ווי עס ברויכט זיין וועט ער איהם נישט מקרב זיין, נאָר נאָכדעם ווי ער האָט געזעהן אַז ער איז שוין ריין און ראוי צו זיצען נעבען איהם האָט ער איהם גענומען צו זיך און געלערינט מיט איהם די סוגיא מצא שטר חוב אמאי לא יחזור (אז ער האָט געפונען אַ וועקסעל פאַר וואָס זאָל ער נישט צוריק געבען), און ער האָט איהם געטייטשט ווייל עס איז געפונען געוואָרען דער שטר חוב דער מע'גשליכער חוב, פאַר וואָס זאָל ער נישט זיין אַ חוזר בתשובה (ספר זכרון טוב)

זיין נאָהמען האָט געשיינט אויף די גאַנצע וועלט, אַז די גרעסטע גאונים און צדיקים האָבען פערלאַנגט זיין הסכמה אויף זייערע ספרים, און מיר געפונען זיינע הסכמות אויף זעהר פיעל ספרים, ווי: תולדות אדם וחוה. שאלות ותשובות מאיר נתיבים. קול אריה. אבן פנה. אור פני משה. דגל מחנה אפרים. זרע אברהם. צמח לאברהם. טל אורה. שערי גן עדן. מאור עינים. תשואת חן אויפ'ן ספר ברית מנוחה.

דער בערדיטשעווער צדיק איז געפאָהרען צו דעם הייליגען צדיק רבי ברוך פון מעזבוז זכותם יגן עלינו, און דער בערדיטשעווער פלעגט איהם רוהמען שלא בפניו, און בפניו האָט ער איהם געזאָגט חסרונות אין זיינע התנהגות און האָט איהם געמוסר'ט. און דער רבי ר' ברוך האָט זיך געפיהרט פערקערט, בפניו האָט ער גערוהמט דעם בערדיטשעווער. און שלא בפניו האָט ער איהם קליין געמאַכט. איינ־מאָל אין דער פריה נאָך דעם דאַווענען האָט דער בערדיטשעווער געפרעגט דעם רבין ר' ברוך אויב איהם געפעלט זיין דאַווענען, האָט ער איהם מיט אַ שמייכעל געענטפערט אַז זיין דאַווענען געפעלט איהם נאַ' ווען אהרן הכהן וואָלט ביי דעם אָנצינדען די מנורה געמאַכט אַזאַלכע תנועות, וואָלט ער דעם בוימעהל פערגאָסען און די מנורה צובראָכען.

דער בערדיטשעווער איז אַמאָל דורכגעפאָהרען לובלין. און ווי דער רבי פון לובלין האָט זיך פון דעם דערוואוסט, האָט ער געהייסען אַז אַלע זיינע מענטשען זאָלען איהם אַקעגען געהן מיט גרויס כבוד, און אַזוי איז געוועזען אַז אַלע פון זיין הויז זענען איהם אַקעגען גע־גאַנגען, נאָר דער צדיק ר' הירש'עלע זידיטשעווער זכותו יגן עלינו,

האָט

האָט געוואָלט איבערבלייבען אין שטוב און זעהן וואָס דער רבי פון לובלין טהוט אין די צייט איידער דער בערדיטשעווער צדיק קומט אָן ר' הירש'עלע האָט זיך בעהאַלטען אין די קליידער שאַנק וואָס איז געשטאַנען אין מיטעלסטען חדר, און האָט געזעהן ווי דער צדיק געהט איינער אַליין הין און צוריק אין די דריי שטובען און זאָגט מיט גרויס התלהבות: „רבונו של עולם ווי אַזוי קאָן איך אויפהייבען מיין פנים פאַר אַזוי אַ הייליגען גרויסען צדיק, ער וועט דאָך זיכער דערקענען אין מיין פנים מיין ערך. די גאַנצע וועלט רעכענט אויף מיר אַז איך בין אַ צדיק, אויב ער וועט דאָך גלייך דערקענען אַז איך בין קיין צדיק נישט, און איך שעם זיך איהם מקבל פנים צו זיין, און ווען די וועסט מיך רבונו של עולם פרעגען פאַר וואָס שעם איך מיך נישט פאַר דיר, וועל איך דיר ענטפערן. ווייל די זעהסט מיך שטענדיג און איך בין שוין מיט דיר געוואוינט, אָבער דער בערדיטשעווער צדיק איז דאָך אַ בשר ודם, און איז מיט מיר נישט געוואוינט, און ער מיינט אַז איך בין באמת אַ צדיק". דאָס האָט ער וויפיעל מאָל געזאָגט מיט אַזוי אַ התלהבות אַז דער ר' הירש'עלע האָט געציטערט פון שרעק און האָט געוואָלט אַרויסלויפען, אין דעם איז דער בערדיטשעווער אַריינגעקומען, און ער האָט איהם אויפגענומען מיט אַ פייערדיגע אהבה און האָט זיך מיט איהם אַניעדער געזעצט אין דעם מיטעלסטען חדר און זיי האָבען גערעדט וועגען די סודות פון מקוה.

ווען דער בערדיטשעווער איז נסתלק געוואָרען (כ"ה תשרי שנת תק"ע), האָבען אַלע וואָס האָבען איהם מלוה געוועזען געזעהן אַ עמוד אש (שיחות מהר"ן סי' קצ"ז), ווייל ער איז באמת געוועזען אַ עמוד אש פאַר דעם יודישען פאָלק צו ווייזען און פיהרען זיי אין די הייליגסטע וועגען וואָס אויף זיי ליגט דער אמת'ער מענטשליכער תכלית. און אַזוי האָט איהם דער הייליגער רבי פון ראחוויץ זכרונו לברכה מספיד געוועזען (שפתי צדיקים פ' תבא).

## אויך פלעגט דער בערדיטשעווער צדיק זאָגען כונות אין די פיוטים, אַזוי ווי דער גאון רבי אפרים זלמן מרגליות שרייבט (טיב גיטין אות י').

דער בערדיטשעווער איז אַמאָל געקומען נאָך פּויזנא, און ווי דער דאָרטיגער ראש ישיבה האָט געזעהן זיין התלהבות אין דאַווענען. האָט ער איהם געפרעגט אויב ער קאָן אויך לערנען, האָט ער איהם געענטפערט יאָ, האָט ער איהם געפרעגט אַ שווערע שטיקעל גמרא, און ווי ער האָט איהם עס געזאָגט, איז ער איבערראַשט געוואָרען

וואָרען

זוארען און געזאגט אז ער האט א געטליכען שכל און ער הערט דאס פון דעם אמורא אליין, האט איהם דער בערדיטשעווער געענטפערט אז דאס איז טאקי די גאנצע קונסט צו הערען די מאמרים פון די אמוראים אליין.

ווען עס איז געוועזין די גרויסע שרפה אין בערדיטשעוו, זענען דאמאלס פערברענט געווארען זיינע הייליגע כתבים אויף פלפול, נאר ווייניג פון זיי זענען געדרוקט געווארען אין דעם תוספות חדשים אויף משניות. אויך אין אנהייב ספר מאיר נתיבים, און אנהייב ספר כתר תורה, אויך פיעל צדיקים ברענגען זיינע חדושים אין זייערע הייליגע ספרים.

אויך איז דער בערדיטשעווער צדיק געוועזין בערוהמט מיט זיינע גוטע קינדער זיין ערשטער זוהן איז געוועזין דער הייליגער גאון און צדיק יסוד עולם רבי מאיר זכרונו לברכה, דער מחבר פון ספר כתר תורה. אויך איז פון איהם דא חידושי תורה אין ספר קדושת לוי קמא פרשת ויקהל, אויך אין קדושת לוי תנינא. אויך זיין ברודער דער גאון רבי ישראל פון פיקאוו ברענגט זיינע חדושי תורה אין זיין ספר תולדות יצחק בן לוי: דער רבי מאיר איז געוועזין א איידעם פון קארלינער רב דער הייליגער גאון ר' אליעזר דער פאטער פון דעם באטושאנער רב ר' משה, דער שוועהר פון הייליגען ריזינער רבין ר' ישראל זכותו יגן עלינו, דער ר' מאיר איז נסתלק געווארען אין זיינע יונגע יאהרען, אין יאהר תקס"ו, ווען זיין פאטער האט נאך געלעבט און דער הייליגער גאון רבי שניאור זלמן פון לאדי זכותו יגן עלינו האט איהם געשיקט א טרייסט בריעף וואס איז געדרוקט געווארען אין דעם תניא. אויך אין אנהייב ספר כתר תורה.

דער צווייטער זוהן פון דעם בערדיטשעווער צדיק איז געוועזין דער הייליגער גאון רבי ישראל וואס איז געוועזין רב אין פיקאוו, און נאך זיין פאטערס פטירה איז ער געווארען בערדיטשעווער רב און האט מחבר געוועזין דעם ספר תולדות יצחק בן לוי אויף תורה אויך אין קדושת לוי פרשת וישב שטעהן פון איהם חדושי תורה. אויך אין קדושת לוי תנינא שטעהן פון איהם חדושי אגדה און הלכה אויך איצט איז פון איהם געדרוקט געווארען א ספר תורת ישראל. אויך איז פון איהם געדרוקט געווארען חדושי תורה אין דעם ספר תפארת בית לוי (צד כט).

דער דריטער זוהן פון בערדיטשעווער צדיק איז געוועזין דער הייליגער צדיק רבי בעריש זכרונו לברכה וואס איז נפטר געווארען אין יאהר תקפ"ד. און די דריי זוהן זענען בעהאלטען געווארען אין שורה פון זייער הייליגען פאטער, און אויף זיי איז אויפגעשטעלט געווארען זעהר א גרויסער אהל, און עס קומען שטענדיג אהין מענשען מתפלל זיין.

דעם בּערדיטשעווערס טאַכטער איז געווען דאָס ווייב פון הייליגען רבּין ר' יוסף בּונם זכרונו לברכה. דער פאָטער פון דעם גרויסען חסיד רבּי יקותיאל זלמן, דער פאָטער פון דעם גאון ר' לוי יצחק, אַ איידעם פון הייליגען גאון און צדיק יסוד עולם רבּי מנחם מענדל פון ליבּאַוויטש אַ אייניקעל פון הייליגען גאון רבּי שניאור זלמן פון לאַדי זכותם יגן עלינו.

דער בּערדיטשעווער צדיק האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער, דאָס ווייב פון דעם צדיק רבּי נתן פון קאָזניץ.

יעדע נאַכט פון יום כפור פלעגט דער הייליגער ריזינער רבּי ר' ישראל זכותו יגן עלינו, ערצעהלען נפלאות פון בּערדיטשעווער צדיק, און ער האָט געזאָגט אַז דאָס איז אַ סגולה ממתיק צו זיין די דינים. און דער הייליגער רבּי פון סאַדיגורא האָט געזאָגט, אַז מיט'ן בּלויסען זאָגען דעם נאָהמען בּערדיטשעוו דערוועקט זיך דער זכות פון דעם צדיק, און ער בּרענגט אויף דעם אַ ראיה פון די גמרא הרואה אומר בּרקאי כו', זאָגט רש"י צו דערמאַנען דעם זכות פון די אבות וואָס ליגען אין חברון.

מ'האָט אַמאָל דעם בּערדיטשעווער צדיק געפרעגט, פאַר וואָס איז ער שטענדיג אַזוי אָרעם, און קלענערע גוטע יודען פון איהם זענען רייך. און ער האָט אויף דעם געענטפערט, אַז צו איהם קומען אמת'ע חסידים וואָס פערלאַנגען פון איהם אַז ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין דאָס זיי זאָלען זיין ערליכע יודען, און פון עשירות דערמאַנען זיי גאָרנישט אין זייערע קוויטלעך, דאַדורך בּעט ער פאַר זיי נאָר אויף חיים של יראת שמים, און חיים של עושר וכבוד דערמאַנט ער גאָר נישט, און די גמרא זאָגט אַז איינער בּעט פאַר'ן צווייטען אַזוי אַ זאַך וואָס ער געבּרויכט זי אויך פאַר זיך, ווערט ער מיט די זאַך פריהער געהאָלפען פאַר דעם צווייטען דאַדורך ווערט דער בּערדיטשעווער צדיק וואָס אַמאָל מעהר צדיק. אָבּער צו די אַנדערע גוטע יודען קומען געוועהנליכע מענטשען וואָס פערלאַנגען פון זיי דעם חיים של עושר וכבוד, און זיי בּעטען פאַר זיי עשירות, דאַדורך ווערען זיי פריהער געהאָלפען מיט עשירות.

דער בּערדיטשעווער צדיק האָט געהאַט אַ גאוניש'ען כח צו וויַיזען אַז די ספּורים וואָס שטעהן אין די גמרא, זענען מרומז אין די פּסוקים פון די הייליגע תורה. אַזוי ווי דער ספּור וואָס די גמרא ער-צעהלט, אַז דער הייליגער תנא רבּי פּנחס בּן יאיר איז אַריינגעקומען אין אַ שטאָדט וואָס דאָרט האָט זיך געפונען אַ שלאַנג וואָס האָט גע-הרג'ט מענטשען. די מענטשען האָבּען איהם געוויזען דאָס אָרט ווי ער ליגט בּעהאַלטען, און ער האָט אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויף דעם לאָך איז אַרויס דער שלאַנג און ווי ער האָט איהם אַ בּיס געטהון איז ער

נעפגר'ט

נעפגר'ט. דער תנא האט גענומען דעם טויטען שלאנג אויף זיינע פלייצעס און איז מיט איהם געגאנגען אין בית המדרש אריין און געזאגט צו די תלמידים: „זעהט ניעט דער שלאנג הרג'ט נאר די זינד הרג'ט". שרייבט דארט רש"י הקדוש פאר דעם תלמוד ירושלמי. אז דאס ווענדט זיך ווער עס קומט פריהער צו א וואסער אז דער שלאנג קומט פריהער צום וואסער, שטארבט דער געביסענער, און אויב דער געביסענער קומט פריהער צום וואסער שטארבט דער שלאנג, איז דא געשעהן א נס און אונטער רבי פנחס בן יאיר האט זיך געעפענט א קוואל כדי ער זאל פריהער זיין ביי דעם וואסער, און דער שלאנג איז דורך דעם נעפגר'ט. האט דער בערדיטשעווער מיט דעם קונסטליך איינגעטייטשט דעם פסוק (דברים ח' ט"ו) המוליכך במדבר הגדול והנורא (ער פיהרט דיך אין די גרויסע שרעקליכע מדבר), נחש שרף ועקרב, (ווי עס גע־פונען זיך שלאנגען, ברענענדיגע שלאנגען, און איגדיסען), וצמאון אשר אין מים, (און א דורשטיג ארט ווי עס געפונט זיך נישט קיין וואסער, האסט די דאך מורא צו האבען טאמער וועט דער שלאנג קומען פריהער צום וואסער וועסט די דאך חלילה שטארבען, דאמאלס) המוציא לך מים (ציהט ער עקסטרע פאר דיר אויס וואסער און עפענט אונטער דיינע פוס א קוואל כדי די זאלסט זיין פריהער ביים וואסער און דער שלאנג וואס האט דיך געביסען זאל פגר'ן).

אמאל איז געקומען א יוד וואס האט אויסגעזעהן מיט זיין פנים און מיט זיינע קליידער ווי א גוי, און ער האט געוואלט אריינגעהן מיט א בקשה צום רבין, נאר די משמשים האבען איהם נישט גע־לאזט. ער האט אנגעהויבען צו מאכען אזאלכע געוואלדען ביז דער רבי האט דאס דערהערט און האט איהם צו זיך אריינגעלאזט, און ער האט ערצעהלט אז עס האט איהם געחלומט אז ער הערט א קול פון הימעל וואס זאגט איהם אז ער זאל גלייך זיך אויפהייבען און פאהרען צום בערדיטשעווער רבין. דער רבי האט איהם געענטפערט מיט שמחה: „יא אזוי א יוד קומט מיר איצט זעהר צונוצט אזוי ווי אין דעם שטעדטעל לאבאוו זענען די יודען אין אגרויסע סכנה דורך דעם עלילת הדם וואס די ערלים האבען אויף זיי אויסגעטראכט, איז יעצט גלייך אז די זאלסט דארט אהין פאהרען. און זיך מאכען צווישען די שונאי ישראל ווי א גוי, ביז זיי וועלען דיר מגלה זיין דעם גאנצען אמת, ווייל די זעהסט באמת אויס ווי א גוי. און ווען די וועסט מצליח זיין זאג איך דיר צו חלק עולם הבא". דער יוד האט איהם געהארכט און איז גלייך געפאהרען אין דעם שטעדטעל אריין. און ער האט זיין ראליע צווישען די גוים אזוי גוט געשפיעלט. אז זיי האבען איהם גערעכענט פאר א געבוירענעם גוי, און האבען איהם אלץ מגלה געווען, און צו די דארטיגע יודען איז פון דעם געקומען א ישועה.

עס איז אמאל צו איהם געקומען איינער און איהם ערצעהלט, אז איין טאג בּרענט אין איהם א פייערדיגען חשק צו זיין א אבגעהיטענער יוד און אבהיטען דעם מינדעסטען יודישען מנהג, און באלד אויפ'ן צווייטען טאג בּרענט אין איהם א חשק עובר צו זיין אויף די גרעסטע עבירות פון די תורה. דער בּערדיטשעווער האט איהם גלייך געענטפערט: „דאס איז ווייל די טראגסט שעטנז, דאדורך געפונען זיך אין דיר צוויי דערגעגענגע זאכען דער יצר הרע מיט'ן יצר טוב". ער האט גלייך בּעטראכט זיינע קליידער און האט מאקי אין זיי געפונען שעטנז, און ווי ער האט זיי אויסגעטהון, איז דער יצר הרע פון איהם אין גאנצען אבגעטרעטען.

איינמאל איז פאר איהם פערביי געגאנגען א יודיש איינגעל און האט זיך פאר איהם אראבגענומען דאס היטעל. ער האט אויף איהם א טיעפען בּליק געגעבען און א געשריי געטהון: „אט דאס איז א צוויי טויזענדיעהריגער ממזר". די חסידים וואס זענען מיט איהם מיט געגאנגען האבען איהם געפרעגט וואס ער מיינט מיט דעם. ער האט זיי געענטפערט, אז דאס איינגעל האט די נשמה פון דעם איינגעל וואס איז מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק פערביי געגאנגען פאר רבי עקיבא'ן און האט זיך פאר איהם אראבגענומען דאס היטעל, און רבי עקיבא האט אויסגעוויזען אז ער איז א בּן נדה און א ממזר (מסכת כלה). די חסידים האבען אנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין און זענען דערגאנגען אז דאס צווייטע איינגעל וואס איז פערביי געגאנגען פאר דעם בּערדיטשעווער, איז אויך א בּן נדה וממזר, און האבען זיך איבערצייגט אז זייער רבי איז נשמת רבי עקיבא.

ער האט אמאל ביי דעם זאגען דעם פיוט ונתנה תוקף, אזוי געטייטש: בּראש השנה יכתבון. אין ראש השנה שרייבען די...., וביום צום כפור יחתמון, אין יום כפור חתמ'ענען זיי. כמה יעברון, וויפיעל נשים מאכען זיי מעוברות אין די הייליגע טעג וכמה יבראון, וויפיעל ממזרים בּעשאפען זיי אין די היי.ע טעג. דאדורך פרעג איך דיך רבונו של עולם מי יחיה, ווער בּרויכט לעבען כו'.

ווען דער בּעל מאור ושמש איז געוועזען א קליין קינד האט ער זיך בּעהאלטען אין בּערדיטשעווער צדיק'ס קלייד, און פון דאמאלס אן האט זיך אין דעם קינד אנגעצינדען דאס הייליגע יודישע פייער. און ווען ער איז אויפגעוואקסען האט זיך דער בּעל נועם אליטלך בּערומט אז ער איז זיין תלמיד. און ווי דער בּערדיטשעווער האט א בּליק געגעבען אויף דעם פנים פון מאור ושמש האט ער איהם גלייך דערקאנט און געזאגט: „ער איז מיינער. נאך דאמאלס ווען ער איז אלט געוועזען פינף יאהר און האט זיך בּעהאלטען אין מיין קלייד האט ער נעקריגען דעם אמת'ען כח פון קדושה".

ווי ער האט דערהערט די בּיטערע בּשורה אז זיין הייליגער

תלמיד

תלמיד רבי אהרן פֿון זיטאָמיר איז נפטר געוואָרען אין די אונגארישע שטאָדט קראָקע, האָט ער געזאָגט: „איצט מוז איך פֿאָהרען נאָך אונגארען מטהר זיין דעם דאָרטיגען אויר ווייל כי שם מת אהרן" (דאָרט איז אהרן געשטאָרבען). און ער איז גלייך אהין געפֿאָהרען.

ראש השנה ביי דעם מוסף, ווען מען זאָגט הבן יקיר לי אפרים כו', האָט דער בערדיטשעווער געפלעגט אזוי צו זאָגען מיט זעהר א שענעם נגון: „דער טאַטע זכרונו לברכה האָט מיר ערצעהלט, אמאָל איז צו איהם געקומען א יודענע מיט אגרוים געוויין, האָט ער זי געפֿרעגט וואָס זי וויינט, האָט זי איהם געענטפֿערט: ווי אזוי זאָל איך נישט וויינען אז איך האָב אזאַלכע קאָפּ שמערצען. האָט ער איהר געזאָגט: אז די וועסט וויינען וועט דיר דער קאָפּ נאָך ערגער וועה טהון: האָט זי איהם געענטפֿערט: קאָן איך מיך דען איינהאַלטען און נישט וויינען, ווען עס געהן אַזאַלכע פֿאַרכטיגע טעג און איך האָב איין איינציג קינד, איך האָב דאָך מורא טאָמער וועט ער נישט זוכה בדין זיין. האָט איהר דער טאַטע געזאָגט: א טאַטע האָט רחמנות אויף זיין קינד ובפרט אויף אזוי א טייער און איינציג קינד, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים כו' רחם ארחמנו נאום ה'"

דער הייליגער נעסכיזער רבי זכותו יגן עלינו, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט דעם בערדיטשעווערס אייניקעל און האָט געגעסען ביי זיין הייליגען טיש פֿיער יאָהר, האָט אמאָל דערזעהן ווי דער בער־דיטשעווער ווען ער איז אויפֿגעשטאַנען חצות וועקט אויף זיין משמש און נעמט מיט זיך בראָנפֿען און געהט מיט איהם אין מרחץ אריין וואָס דאָרט פֿלעגען שלאָפֿען אלע פֿרעמדע וואָס האָבען נישט געהאַט אויף א אכסניא. דאָרט האָט ער אויפֿגעוועקט א אָרעמען יוד און האָט איהם געפֿרעגט אויב ער וויל א טרונק בראָנפֿען, און ער האָט איהם געענטפֿערט יאָ, נאָר ווי ער האָט זיך דערמאַנט אז ער האָט נישט קיין וואסער זיך אָבצווואַשען די נעגעל, האָט ער נישט געוואָלט טרינקען. נעבען איהם איז געלעגען דער ערל וואָס היצט דעם מרחץ האָט דער בערדיטשעווער אויפֿגעוועקט דעם ערל און ווי ער האָט איהם געוויזען דעם בראָנפֿען האָט ער איהם מיט איין מאָל אויסגעטרונקען דער בערדיטשעווער איז אהיים געגאַנגען מיט שמחה און התלהבות זאָגענדיג „רבונו של עולם. זעה דעם אונטערשייד צווישען דעם יוד און דעם ערל".

ער איז אמאָל געשלאָפֿען אין א גאסטהויז אין מיטען וועג צוזאַמען מיט סוחרים, און זיי האָבען נישט געוויסט אז ער איז דער בערדיטשעווער רב. אזוי ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרען האָבען זיי געוואָלט שנעל אָבדאַווענען און דאָרט איז מעהר נישט געוועזען ווי איין פּאָר תפילין. האָט יעדער אָנגעטוהן די תפילין און שנעל אָבגעדאַווענט

געדאַווענט, ווייל זיי האָבען זיך געאיילט אויפ'ן יריד. נאָך דעם ווי זיי האָבען געענדיגט האָט זיי דער בערדיטשעווער צו גערופען, און ווי זיי זענען צו געגאַנגען האָט ער געפלאַפלעט מיט'ן מויל: מאַ מאַ מאַ וואָר וואָר. און נאָך אַזאַלכע האַלבע אונפערשטענדליכע ווערטער אַז זיי האָבען איהם בעטראַכט ווי אַ משוגענעם. דאַמאָלס האָט ער זיי אָנגעהויבען מוסר'ן: „איהר פערשטעהט נישט מיינע ווערטער. איהר אַליין האָט דאָך מיט אַזאַלכע ווערטער איצט מתפלל געוועזען צום אייבערשטען און איהר האָט איין גאַנץ וואָרט נישט געזאָגט". אויף דעם האָט איהם איינער פון די סוחרים געענטפערט: „איהר האָט געזעהן ווי דאָס זיינדיגע קינד ליגט און פלאַפלעט אין ווינגעלע: מאַ באַ. און ווען אַלע חכמים וועלען צו געהן וועלען זיי נישט וויסען וואָס דאָס קינד וויל. נאָר ווען דער פאָטער און מוטער וועלען צו געהן וועלען זיי באַלד וויסען וואָס עס וויל טהע אָדער מילך. און מיר הייסען דאָך גאָטס קינדער און ער איז אונזער טאַטע, און ער פערשטעהט אונזער פלאַפלען". דער בערדיטשעווער האָט זיך זעהר געפרייד הערענדיג דעם ענטפער, און יעדען ראש השנה האָט ער דאָס דערמאַנט אין זיין דרשה.

דער מעזיבעזער רבי ר' ברוך זכותו יגן עלינו וואָס האָט נישט געלעבט בשלום מיט'ן בערדיטשעווער, האָט איהם זיינס אַ חסיד גע־ברענגט די ידיעה אַז דער בערדיטשעווער איז נסתלק געוואָרען און ער האָט זיך ביי די בשורה געפרייד. דער מעזיבעזער האָט אָנגעהויבען זעהר יאָמערליך צו וויינען. און דער חסיד האָט נישט משלים שנתו געוועזען. דער מעזיבעזער האָט געזאָגט, אַז ער האָט מיט איהם גע־האָט מחלוקת, ווייל די מלאָכים האָבען מקנא געוועזען זיין דאַווענען, ראַדורך האָט ער זיי משתיק געוועזען מיט דעם וואָס ער האָט אויף איהם גערעדט שלעכטס, אָבער אין הערץ האָט ער איהם געהאַלטען פאַר אַ צדיק יסוד עולם און האָט איהם ליעב געהאַט אהבת נפש.

איינמאָל יום כפור ביי די עבודה ווי דער בערדיטשעווער האָט געזאָגט „אחת" איז ער אַנידערגעפאַלען אויף די ערד מיט זיין פייערדיג דבקות, און דער עולם האָט זיך נישט דערשראָקען פון דעם ווייל זיי האָבען איהם שוין געקאָנט, נאָר ווי זיי האָבען געזעהן אַז עס דויערט שוין צו לאַנג און ער הייבט זיך נישט אויף, האָבען זיי איהם געפרובט אויפוועקען, נאָר זיי האָבען נישט געקאָנט, מען האָט געברענגט דאָקטוירים און מ'האָט איהם געגעבען פערשיעדנע רפואות און עס האָט נישט געהאָלפען. מען האָט איהם אַזוי אַריינגעטראָגען אין זיין חדר אַריין, און דער עולם האָט שוין געהאַלטען ביי מנחה. פלוצלינג איז ער צוריק אַריינגעקומען מיט אַ התלהבות אין בית המדרש און האָט געשריגען „ואחת" און האָט געדאַווענט אַלץ כסדר.

דער הייליגער קאָזמיר רבי ר' יחזקאל זכותו יגן עלינו איז אַמאָל

געזעצן

געזיצען ביי די סעודה וואס ער האט געמאכט אין דעם בערדיטשעווערס יאהרצייט, און ער האט געפרעגט אויב עס געפונט זיך נישט ביי דעם טיש ווער עס האט געקאנט דעם בערדיטשעווער צדיק. און דארט האט זיך געפונען א אלטער זעליחאווער יוד, און ער האט ער-ערצעהלט אז ער געדענקט נאך דעם בערדיטשעווער צדיק ווען ער איז נאך געווען זעליחאווער רב און האט ערצעהלט וואס פאר א מופת ער האט איהם געטהון. „אין די וואך פון חנוכה פלעגט ער ארומגעהן אין די דערפער קלויבען געלד פאר ארעמע לייט. פאר'ן נאכט איז ער אריינגעקומען צו מיר אין דארף אריין און איך האב איהם געגעבען א נדבה, נאר ווייל עס איז שוין געווען שפעט אין די נאכט האט ער ביי מיר איבערגענעכטיגט. ווי ער האט געזעהן אז איך שלאף שוין. האט ער זיך אויפגעהויבען און ארומשפאצירט הין און צוריק אין שטוב און געברומט ווי א ביען א גאנצע נאכט, אין דער פריה איז ער גלייך אוועקגעפאהרען. שפעטער האט מיר דער שררה געוואלט אוועק נעמען די פאכט, איך בין גלייך אריין צום צדיק און האב איהם ערצעהלט מיין אומגליק. ער האט מיך געהייסען ברענגען א ריין שטיקעל פאפיער, און ווי איך האב איהם געברענגט דאס פאפיער, איז ער מיט דעם אריינגעגאנגען אין א צווייטע שטוב, און האט עס מיר צו-ריק אריינגעבראכט איינגעוויקעלט ווי א בריעף, און האט מיך געהייסען דאס געבען דעם שררה. אויפ'ן וועג האב איך דעם בריעף געעפענט און ווי ערשטוינט בין איך געווארען זעהענדיג אז עס שטעהט אפילו נישט איין ווארט אויפגעשריבען אויף דעם פאפיער, נאר פערפארען איך האב דאס געגעבען דעם זעלבען שררה, און ער האט איהם דורכגעקוקט און געזאגט אז איך בלייב ווייטער זיין פאכטער. ווי איך האב דאס ערצעהלט דעם צדיק, האט ער מיר געזאגט אז ווען איך וואלט דעם בריעף נישט געעפענט, וואלט דער פאכט מיר געבליבען א ירושה אויף קינדס קינדער".

דער גרויסער צדיק רבי משה'לע זוועהילער דער זוהן פון הייליגען מגיד פון זלאטשעוו זכותם יגן עלינו, איז יעדעם יאהר געפאהרען צום בערדיטשעווער רבין און דארט זיך אויפגעהאלטען דריי וואכען, נאכ-דעם איז ער געפאהרען נאך מעזיבוז צום הייליגען רבי ברוך'ל און דארט זיין דריי טעג נאך שבת, און צוריק צו זיך אהיים פאהרען. ער איז אמאל געקומען נאך מעזיבוז נאך זיין בעזוכען דעם בער-דיטשעווער רבין. און ווי ער איז געזיצען שבת ביי נאכט ביי ר' ברוך'לם טיש זאגט ר' ברוך'ל צו זיינס א חסיד אז ער זאל פאר איהם נאכמאכען די אלע תנועות און קולות פון בערדיטשעווער, און דער חסיד האט דאס מיט ליצנות נאכגעמאכט, און ר' ברוך'ל האט זעהר געלאכט פון דעם, אזוי אויך צו מארגענס נאך די סעודות האט ער איהם ווידער געהייסען דאס טהון און זיין לאכען איז געווען

אהן

אָהן אַ שעור. ר' משה'לען האָט דאָס זעהר פערדראָסען פאַר וואָס ער מאַכט חוזק פון זיין הייליגען רבין. מוצאי שבת איז ר' משה'לע אריינ־געגאַנגען זיך געזעגענען, דער רבי האָט איהם נוגש געוועזין ביז ער האָט איהם געזאָגט אַז ער יאָגט זיך אַהיים וויל איהם פערדריסט וואָס מען האָט געשפּאַסט פון זיין רבין. ר' ברוך'ל האָט איהם מיט כעס געענטפערט: „ווי אַזוי רופט מען דיך צדיק ווען די פערשטעהסט נישט די כונה פון דעם לאַכען. עס איז שוין מעהר פון אַכצעהן יאָהר ווי סמאל שטעהט און טענה'ט פאַר'ן אייבערשטען: „רבונו של עולם צו וואָס זאָלסט די שיקען משיח'ן צו די יודען ווען די האָסט דעם בער־דיטשעווער רב וואָס ער מאַכט פאַר דיר אַזוי אַ הייליגע עבודה ווי אהרן הכהן". און דאַדורך וויל מען איהם צו נעמען פון די וועלט, און דורך דעם געלעכטער בין איך פון איהם מבטל דעם געפעהרליכען מקטרג". ר' משה'לע איז מיט דעם בערוהיגט געוואָרען און ער האָט זיך שוין נישט געאיילט אַהיים צו פאָהרען.

מוצאי יום כפור איז צו איהם אַריינגעגאַנגען זיין תלמיד רבי שמואל קאַמינקער זעהען וואָס ער טהוט נאָך אַזוי אַ פייערדיגע עבודה וואָס ער האָט דעם טאָג אָפּגעטהון. און ער האָט געזעהן אַז דאָס גלעזעל קאַווע שטעהט נאָך גאַנץ. דער צדיק ערצעהלט איהם אַז אין דעם יום כפור האָט סמאל מקטרג געוועזין אויף יודען: „פאַר וואָס אַז איינער גנב'ט איין רובל ברויכט ער אָפּגעבען נישט מעהר ווי איין רובל, און ווען אַ יוד טהוט צדקה מיט איין רובל פערלאַנגט ער שוין פון הימעל מען זאָל איהם פאַר דעם גליקליך מאַכען וואָס לויט שכל ברויכט מען איהם פון הימעל אויך נישט געבען מעהר וויפיעל ער האָט געגעבען". אין דער צדיק האָט איהם שטיל געמאַכט מיט דעם ענטפער, אַז דער גנב האָט נישט אין זינען געהאַט מיט דעם גנב'ענען דעם רובל אַז ער זאָל מצער זיין דעם נגנב, ער האָט זיך נאָר מתכוון געוועזין ממלא צו זיין זיין תאוה, דאַדורך קומט איהם נישט מעהר ווי דעם רובל. אָבער דער בעל צדקה האָט דאָך ביי דעם געבען דעם רובל אין זינען געהאַט צו דערהאַלטען דעם לעבען פון דעם אָרעמאַן, ברויכט דער אין הימעל זיין לעבען אויך דערהאַלטען און איהם געבען וואָס עס פעהלט איהם. פרנסה, געזונד קינדער.

דער רבי אלימלך האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס ער נעמט איהם צו זיינע תלמידים, ווי דעם צדיק ר' אהר'לע פון זיטאָמיר, און נאָך פיעל תלמידים. האָט ער איהם געענטפערט: „וועמענס בין איך דען, איך בין דאָך אַליין אויך אייער תלמיד, קומט דאָך אויס אַז מיינע תלמידים זיינען אויך אייערע". זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.